STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02045

DR. BINYAMIN THEODOR HERTSL, ZAL

Elihu ben Barakhel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ציון"

פֿאָלקסביבליאָטהעק

דר. בנימין טהעאָדאָר הערצל ז"ל

זיין לעבען און זיינע מעשים פאר'ן יודישען פֿאָלק

פֿון

אליהוא בן ברכאל

HURWITZ LIBRARY OF THE

פרייז 30 העלער.

וויען תרס"ה

פאלקסביבליאטהעק.

מיט דער דאזיגער בראשורע דר. בנימין טהעאדאר הערצל הייבט זיך אן א נייע אויסגאבע אונטער דעם טיטעל:

„פאלקסביבליאטהעק"

און וועט ענטהאלטען ביכליך פון די בעסטע יודישע שריפטשטעלער אין א איינפאכער פאפולערער שפראך, איבער פערשידענע ענינים פאן וויסענשאפט און ליטעראטור.

דער אינהאלט פון די ביכליך וועט זיין:

יודישע געשיכטע און קולטור,
ערצעהלונגען און שירים,
אלגעמיינע וויסענשאפט,
אלגעמיינע סאציאלע פראגען,
יודענפראגע.

די פאלקסביבליאטהעק וועט זיך בעמיהען צו געבען דעם פשוט'ען יודישען לעזער אויפקלערונג איבער די וויכטיגסטע ערשיינונגען אין מענשליכען לעבען בכלל און אין יודישען לעבען בפרט, זי וועט בעשטרעבט זיין צו שאפען א ביליגע און געזונדע גייסטיגע נאהרונג פיר די מאסען פון טויזענדער לעזער וואס לייענען נישט קיין אנדערע שפראך ווי נור יודיש.

פיעל שרייבער האבען אונז צוגעזאגט זייער מיטארבייט פיר די פאלקסביבליאטהעק און פון מאנכע האבען וויר שוין בעקומען זייערע ארבייטען וועלכע וועלען בקרוב ערשיינען.

פון די ארבייטען וואס מיר גיבען אין די ערשטע ביכליך קענען מיר שוין איצט א חוץ דער בראשורע דר. הערצל וועלכע ענטהאלט די נומערן 1-2 פון דער פאלקסביבליאטעק, בעקאנטגעבען די פאלגענדע:

Nr. 3 אברהם רייזענ'ס שירים: יודישע מאטיווען (שוין אים דרוק)
Nr. 4 דר. ווארטסמאן: יודישע עמיגראציאן
Nr. 5 דר. ש. ווערנער: איבער נאהרונגסמיטעל
Nr. 6 מ. העגעס: די מיטעל צום ציוניזמוס.

און נאך פיעל אנדערע ארבייטען האבען אונז די שרייבער צוגעזאגט, זיי האבען אונז אבער נאך נישט מודיע געוועזן די טיטעל פון זייערע שריפטען.

די פאלקסביבליאטהעק וועט געבען דאס שענסטע און בעסטע וואס געהערט צו א אמת'ער פאלקסליטעראטור, זי וועט זיין אויך פון אויסען שעהן אויסגעשטאטעט מיט שענעם דרוק און אויף שענעם פאפיער און וועט קאסטען ביליג, אזוי אז יעדער יודישער לעזער וועט פון איהר האבען בעלעהרונג און פערגניגען, און וועט מיט איהר בעפרידיגען אלע זיינע גייסטיגע בעדירפענישען.

פערלאג „ציון"

Wien II/3 Untere Augartenstr. Nr. 9.

הוצאת „ציון".

פאָלקסביבליאָטהעק

Nr. 1—2.

ד"ר בנימין טהעאָדאָר הערצל ז"ל

זיין לעבען און זיינע מעשים פאַר'ן יודישען פאָלק

פון

אליהוא בן ברכאל

Wien, Leipzig, Krakau.
Verlag „Zion"

פאדגורזע-קראקא
בוכדרוקעריי יוסף פלעסנער & קאמפ.
תרס"ה—1904

אין עושים נפשות לצדיקים, מעשיהם הם הן זכרונם!

דר. טהעאָדאָר הערצל ז"ל

נולד ו' אייר שנת כת"ר ונפטר ז' תמוז תרס"ד.

I.

ד״ר הערצלים ערציהונג און לעבען ביז צום אויפשרייבען פונים „יודענשטאט“. — הערצל זוכט אויף זיין פאלק — דער אָנהויב פון אַ נייעם לעבען.

בנימין זאב טהעאדאר הערצל איז געבוירען געוואָרען אין יאהר תר״ך לפ״ק (דען 2 טען מאַי 1860) אין דער הויפטשאדט פון אונגאַרן־בודאַפעסט. ער שטאַמט פון אנוסים אוים פארטוגאל, וואָס זענען געקומען קיין אונגאַרן צו דער צייט פון דער מלכה מריה טהערעזיה; און דיא ספרד׳ישע אַבשטאַמונג איז אויך געווען קענטיג נאך זיין עכט יודיש שיינעם פנים פון אַ ריינעם סעמיטישען טפוס. זיין פאטער יעקב הערצל איז געווען אַ וואָהלהאַבענדער סוחר און האָט גע־געבען זיין זוהן אַ גוטע ערציעהונג. אַ גרויסע ווירקונג און איינ־פלוס האט אבער תמיד געהאַט אויף טהעאָדאָר הערצל זיינע מוטער, וואס ער האָט זיע זעהר גערעהרט און ליעב געהאַט. אַ גוטע, קלוגע און ענערגישע פרוי האט זיא אַ סך זייטען און מעלות פון איהרען כאַראַקטער איבערגעגעבען איהרען זוהן. — הערצלם עלטערן זענען אויפגעוואַקסען אין אמת יודישע הייזער און האָבען אויך זייער זוהן דיא ערשטע צייט געגעבען אַ יודישע ערציעהונג און געשיקט אין אַ חדר צו רבי כהן. הערצל אַליין דערציילט אין זיין „זעלבסטביאָגראַפיע“ פון דיא שטראַ־פען וואָס ער האט געקריגען, ווייל ער האָט נישט געוואוסט

אַזוי גוט דיא פּרטים פֿון יציאת מצרים, אין וואס איז אבער בכלל בעשטאַנען דאס לערנען — דערציילט ער נישט; ער איז אויך נישט לאַנג געווען אין חדר, ווארום זיינע עלטערן זענען איבערגעפֿאָהרען קיין ווין, דיא יודישע „בילדונג" הערצלס איז אויף אַזאַ אופֿן געענדיגט געוואָרען.

שוין אַלס קינד האָט זיך הערצל אויסגעצייכענט דורך זיין פֿלייס, שכל און אַ ברייטען בליק. ער האָט געוויעזען גאַנץ בעשטימטע נייגונגען און האָט געהאַט זיינע דעות, מיט וועלכע זיינע עלטערן האָבען געמוזט רעכנען. אַזוי האָט ער זיך דיא ערשטע צייט פֿון זיין לערנען זעהר אינטערעסירט פֿאַר מאַטעמאַטיק און פּראַקטישע וויסענשאַפֿטען. זיין העלד, דערציילט ער, איז דאַמאלס געוועזען לעססעפּס, וואָס האָט געבויט דעם סועץ־קאַנאַל. און דער קליינער הערצל האָט שוין געחלום'ט וועגען אַ פּאַנאַמאַ־קאַנאַל איהם איז געפֿעלען געוואָרען דיא רעאַלשולע און ער איז דאָרט אַריינגעטרעטען. אַז דער אַנטיסימיטיזמוס פֿון דיא לעהרער האָט איהם שטארק בעליידיגט (איינער פון זיי האָט געזאָגט, אַז יודען זענען עובדי אלילים), האָט הערצל אָנגעשטאַנען אויף זיינע עלטערן, אַז מען זאָל איהם אבגעבען אין אַ גימנאַזיום. אַזוי איז הערצל דאָך נישט געוואָרען אַ אינשענער, נאָר אַ דאָקטאָר דער רעכטע. אין דעם גימנאַזיום וויא אויך אין דער אוניווערזיטעט האָט ער אַ סך געלערנט, און דיא, וואָס געדענקען איהם פֿון זיין שטודענטען־צייט, דערציילען, אַז הערצל איז שוין דאַמאָלס געוועזען אַ גאַנצע פּערזענליכקייט, אַ גאַנצער מענש מיט קלאָרע דעות און אַ בעשטימטען ציעל אין לעבען.

און זיין ציעל איז דאַמאָלס געווען די דייטשע פּאָעזיע. זעהר יונג, שוין אין דער מיטעל־שולע, האָט הערצל

געהאַט פֿיעל ליעבע צום שרייבען. פֿון איהם האָט זיך אנגעהויבען אויסצובילדען אַ אמת'ער פּאָעט, אַ דיכטער און שריפֿטשטעלער, ער האָט זיך נאר צוויי יאהר (ביז 1886) בעשעפֿטיגט מיט זיין פּראַקסיס, אלס יוריסט אין וויען און זאַלצבורג, און האט זיך אין גאנצען אבגעגעבען דער ליטעראַטור. זיינע פֿעליעטאָנען מאַכען פֿיעל אויפֿזעהען און מען הויבט איהם אָן צו רופֿען דעם „מלך פֿון דיא פֿעליעטאָניסטען"; נאָך מעהר האָט ער געשריבען פֿאַר'ן טהעאַטער.

בײ ה ע ר צ ל דעם שריפֿטשטעלער קאָן מען שוין בעמערקען דעם הויפּטצוג פֿון זיין כאַראַקטער — דיא זעלבסטשטענדיגקייט אין אַלע מעשים, ער איז שטענדיג געגאַנגען זיין וועג און האָט זיך נישט געלאָזען פֿערפֿיהרען דורך הצלחה אדער נישט־הצלחה. ער דערציילט, אַז ער האָט קיין מאָל נישט פּערשטאַנען, פֿאַר וואָס זיינע טהעאַטער־שטיקע ווערען פֿערשיעדען אויפֿגענומען. ער האָט אבער פֿון דעם געלערנט אַ וויכטיגע זאך; „מען מוז אַלײן זיך אַ ל י י ן רעכט מאַכען, אלע אנדערע זאכען זיינען גלייכגילטיג".

ה ע ר צ ל איז פֿיעל ארומגעפֿאהרען און א סך געזעהען. אין יאהר 1891 האָט ער געמאַכט אַ רייזע איבער ש פּ אַ נ י ע ן און פֿון דאָרטען געפֿאהרען קיין פּ א ר י ז, וואו ער איז געוועזען דער קארעספּאנדענט פֿון דער „נייער פֿרייער פּרעססע". אין פּאריז האָט ה ע ר צ ל געלעבט אין דער בעסטער געזעלשאַפֿט פֿון פֿ ר א נ ק ר י י ך. ער איז געקומען אין אַ נאהענטען מגע ומשא מיט דיא גרעסטע פראנצייזישע שרייבער און דיפּלאָמאטען דא האָט זיך פֿון איהם אויסגעארבעט דער גרויסער וועלט — און מענשענקענער און דער קלוגער און וויטבליקענדער פּאָלי־

טיקער. דא איז אויך פארגעקומען אין איהם דיא גרויסע ענדערונג און אננעהערונג צום יודישען לעבען.

עס וועט נאָך אַ לאנגע צייט זיין אַ סוד, וואָס איז געווען דער הויפּטגרונד, וואָס האָט אַ טרייב געטהון דעם פֿערדייטשטען און פערפֿראנצעזישטען שריפֿטשטעלער הערצל צום יודישען פֿאָלק, צו זיין פֿאָלק. דער רוב פֿון שרייבער, וואָס האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט דער אינטערעסאנטער שאלה האבען געזוכט דיא אורזאכע אין דעם גרויסען עריינגיס, וואָס האט געבראכט צום ציטערן גאַנץ פֿראנקרייך — אין דעם פּראָצעס דרייפֿוס. ס׳קאָן זיין, אַז דיא קולות און געשרייען פֿונ׳ם פֿראנצויזישען המון — „טויט פֿיר דיא יודען״ — האָבען דערוועקט אין הערצל׳ען, וואס האט דאָס אלץ געזעהען און געהערט, אַ סך געפֿיהלען און געדאנקען, נאר דאָס איז געוועזען נאר אַ שטויס, און מיט איין שטויס האָט מען נישט געקאָנט ענדערן דיא אנזיכטען פֿון אַ הערצל, ריכטיגער איז, אז זיינע גאנצע ענטוויקלונג האָט איהם געבראכט דערצו.

הערצל איז קיינמאָל נישט געווען א פּשוטער פֿעליעטאָניסט, ער האָט בעטראכט דיא וועלט און דיא מענשען מיט א לייכטען שמייכעל פֿון א פֿילאָזאָף און מיט א פֿיינער פעדער געשריבען זיינע איינדריקע און געדאנקען, נאר זיין שמייכעל איז געוואָרען שטענדיג ביטערער, זיינע אויגען האָבען אלץ מיט מעהר טרויער בעקוקט דיא וועלט. אין זיינע פֿעליעטאָנען הויבט מען אן צו פיהלען א מעלאנהאָליש־ערנסטען טהאָן. הערצל איז געווען א פֿיינע, טיעף עדלע נאטור, וואָס האָט נישט פֿערטראגען קיין שמוטץ און אונגערעכטיגקייט. און אז ער בעשרייבט אזעלכע ערשיינונגען פֿונ׳ם לעבען, הערען זיך טרערען אין זיינע ווערטער און אַ קלאגע געגען דיא שוואכע

און נאָך אָהנמעכטיגע ציוויליזאציע פון דער מענשהייט. און וואס הערצל איז עלטער געוואָרען איז זיין ערנסט און טרויער טיעפער געוואָרען. נאר אַז ער בעשרייבט דיא שיינקייט פון דער נאטור און דיא אונשולד פון קליינע קינדער, ווערט זיין פנים קלאר און זיינע אויגען קריגען אליעבליכען גלאנץ. — און מיט דעם וועלטשמערץ הויבט זיך אָן צו ריהרען אין הערצל׳ען אַנייע געפיהל, וואָס ער אליין פערשטעהט איהם נישט פון אנהויב... דאָס לעבען האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר דעם, אז הערצל זאָל נישט פערגעסען, אז ער איז אַ יוד. און אז ער האט זיך גענומען בעטראכטען, וואָס דאָס איז אייגענטליך, וואָס ברענגט איהם אזוי פיעל אונאַנגענעהמע זאכען און מיליאָנען אנדערע מענשען אויך גרויסע ליידען און צרות, אַז הערצל האָט זיך אָנגעהויבען צו אינטערעסירען מיט דער יודישער שאלה און זיך צוגעקוקט צו דיא טייכען יודישע טרעהרען, וואָס ער האָט געזעהען גיסען זיך איבער דער גאַנצער וועלט — איז אין איהם פאָרגעקומען אַ געוואלטיגע ענדערונג, ער האָט איבערגעלעבט אַ רעוואלוציע.

טהעאָדאָר הערצל איז געווען דורך זיין ביזהעריגען לעבען און בילדונג אָבגעריסען פונ׳ם יודישען לעבען, פון יודישע אינטערעסען. אז זיין הארץ האָט אבער אנגעהויבען צו שלאגען פאַר יודישע ליידען, האָט הערצל נישט נאר געפיהלט אַ טיעפען מיטלייד מיט דיא פערפאָלגטע מענשען, נאר ער האָט זיך אלין מעהר געפיהלט איינס מיט זיי, א שטארקע ליעבע צום יודישען פאָלק האט דערווארמט זיין גאנצע נשמה. דער געדאַנקען אַז ער איז א יוד אבער נישט גלייך מיט אלע, אַז זיינע ברידער יאגט מען מעהר וויא אלע מענשען אויף דער וועלט, בעת ער איז דורך אצופאל בעפרייט פון דיא ליי־

דען — האָט איהם פֿערפֿאָלגט און געמוטשעט. ער האט גע־פֿיהלט אזוי וויא אַ ריסס אין זיין נשמה, וואָס איז אבגעבראָכען געוואָרען פֿון איהר נאטירליכען וואורצעל און פֿערפֿלאַנצט געוואָ־רען אין א פֿרעמדען באָדען, ער האָט זיך געפֿיהלט וויא איינער וואָס האָט געוואָלט אַוועקלויפֿען פֿון די צרות פֿון זיין נאַציאָן*).

און אין הערצלס האַרץ האָבען זיך אויפגעוועקט א שטארקער ווילען צו פֿעראייניגען זיך ווידער מיט דער פֿער־מוטשעטער יודישער פֿאָלקסזעלע, קומען צו פֿערפֿאָלגטע און לעבען מיט זיי, ליידען מיט זיי און אויך קעמפפֿען מיט זיי „פֿאר מעהר עהרע און פֿרייהייט" און וויא א גאולה און אַ גרויסע זעלישע בעפֿרייאונג האָט ער דערפֿיהלט, אז ער האָט געטהון דאָס, וואָס ער האט געהאלטען פֿאר „עהרליך און פֿערנונפֿט־טיג" — זיך אָפֿען צוריקגעקעהרט צו זיין פֿאָלק. ער האָט גע־פֿיהלט א טיעפֿע פֿעראַכטונג צו דער אסימיליערטער יודישער וועלט, וואָס איז אוועקגעלויפען פון איהר פֿאָלק מיט זיינע לייד־דען, ער האָט צוריסען דיא פֿריינדשאַפֿט מיט זיינע פֿריהערע יודישע גוטע פֿריינד, וואָס האָבען זיך נישט געוואָלט אבזאָגען פֿון זייער אסימיליערטען גן־עדן, און איז געוואָרען אַ אַנדער מענש. ער האָט אנגעהויבען זוכען דעם יודישען לעבען. דיא אמת יודישע געזעלשאפֿט, יודישע אידעאלען, יודישע פּאָליטיק. וואָס ער האָט געפֿונען האָט ער מיט ליעבע אויפֿגענומען אין זיך, און אַז ער האָט געזעהען, אַז אַסך, זעהר פֿיעל איז נישט דא, האָט ער אנגעהויבען צו שאַפֿפֿען...

זיינע נייע געדאַנקען איבער דאָס יודענטהום האָט הערצל אויפֿגעשריעבען אין אַ בוך: „דער יודענשטאַט", דאָס איז געווען אין סוף פון יאָהר 1895. ער האָט געלעבט וויא אין אַ

*) דאמאלס׳ אין יאהר 1894 האט ער געשריבען דאס "נייע גהעטא".

שטורם, דיא אלטע אידעאַלען, דיא אלטע וועלט אין איהם איז צוזאמענגעבראָכען און צושטערט געוואָרען; און פונ׳ם חורבן פון דער פערשימעלטער אסימיליאציע איז אין הערצל אויפגעבויט געוואָרען אַ נייע וועלט מיט נייע דעות און הערצל אליין איז בעטויבט און וויא פערשכור׳ט געווען פונ׳ם נייען, וואָס איז אויפגעשטאנען פאר זיינע גייסטיגען אויגען. ער דערציילט, אז אין דיא צוויי חדשים, וואָס ער האָט געארבעט איבער׳ן „יודענ־שטאַט" האָט ער געהערט, וויא אַ רוישען פון אַ אָדלער איבער זיך... נאר מוזיק האָט איהם בערוהיגט און געגעבען בטחון אין זיינע נייע אידעען. און אז דאָס ווערק איז געווען פערטיג — איז געקומען אַ שווערער קריזיס.

אַלע זיינע בעקאַנטע, וואָס ער האָט געוויעזען זיין בוך האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגע׳נעם און איהם דאס אפּפּען געזאָגט. הערצל האָט זעהר געליטען. „איך האָב דאַמאלס דורכגעמאַכט זעהר אַ ערנסטען קריזיס", דערציילט ער: „איך קען דאס נאר פערגלייכען מיט דעם, וויא מען וואַרפט אריין אַ רויטגליהענדע זאַך אין קאלט וואססער אריין. א ודאי, ווען דער דאָזיגער קערפער איז צופעליג אייזען, ווערט פון איהם שטאָהל"...

הערצל איז טאַקי בעשאפען געוואָרען פון אייזען, און דיא המצאות און דערשראָקענע רייד פון זיינע ביזהעריגע פריינד, האָבען אויף איהם געווירקט נישט אבקיהלענדיג, ער האָט גע־וויעזען, אז ער קען ווערען שטאָהל; זיינע איבערצייגונג איז געווען פעסט.

זיינע פריינד האָבען פראָביערט דעם לעטצטען מיטעל און געשיקט איהם צום גרויסען שריפטשטעלער, וואָס איז בערידהמט דורך זיין קאלטען שכל — צו מאקס נאָרדוי. און אַז הערצל

איז געקומען צום בעקאנטען פילאָזאָף, האט ער געפונען א תלמיד און א איבערגעגעבענעם פריינד...

און מיט שטאָלץ און פריידע, פיהלענדיג „דאָס גליק פון דער אינערליכער פרייהייט", וויא ער דריקט זיך אויס אינ'ם „יודענשטאט", האָט הערצל אויפגעהויבען דיא יודישע פאָהן און אנגעהויבען זיין קאמפף.

II.

„דער יודענשטאט" און זיינע אידעען.

דיא ליידען פונ'ם יודישען פאָלק האָבען ארויסגעטריעבען הערצל'ן פון זיין רוהיגען ארבייטסצימער, וואו ער איז ביז אהער געווען נאָר א דיכטער. ער האָט זיך אוועקגעזעצט שרייבען א ווערק איבער דיא לעזונג פון דער יודענפראגע; נישט א ראָמאן, נישט א אוטאָפיע האָט הערצל זיך אונטערגענומען צו שרייבען, ער האָט געמאכט א פאָזיטיווען פאָרשלאג אין דער איבערציינגונג, אז ער וועט פערווירקליכט ווערען.

זיין געדאנקען, דיא גרינדונג פון א יודישער מדינה, זאָגט הערצל איז נישט ניי. דיא גאנצע נאכט פון גלות האָבען דיא יודען געחלומ'ט דעם קעניגליכען חלום. עס הייבט אָן צו טאָגען, און דער חלום קען איצט ווערען אנ'אמת. דער לעצטער יאהר־הונדערט האָט געבראכט א איבערקערעניש אין דיא וועלט דיא וויסענשאפטען האָבען געשאפען וואונדער. כדי אויפצובויען א נייע שטאָדט דארף מען איצט אזוי פיעל איינציגע יאָהרען, וויע־פיעל מען האָט פריהער געדארפט יאהרהונדערטע. מיר מוטשען

זיך׳ למשל׳ מיט ענגשאַפט׳ עס פעהלט אונז אָרט׳ בשעת דיא חכמות און וויסענשאַפטען האָבען דיא גרויסע וועלטשטרעקען שוין לאַנג מנצח געווען׳ דען דאָס וואָרט „אונמעגליך" עקסיסטירט כמעט גאָר נישט אצונד פאַר דיא געלעהרטע.

דיא נצחונות פון דיא וויסענשאַפטען זענען נאָך אָבער כמעט גאָר נישט אויסגענוצט. און אויף דעם איז שוין געקומען דיא צייט. דיא עלעקטרישע בעלייכטונג איז דאָ נישט נאָר צוליעב דעם׳ אַז אַ פּאָר גבירים זאָלען פון איהר הנאה האָבען׳ נאָר אַז מיר זאָלען ביי איהר ליכט אויך לעזען דיא יודישע שאלה. ווארן דיא יודענפראַגע עקסיסטירט! „איז דאָס אמת אַז אין דיא לענדער וואו מיר לעבען אין אַ גרעסערער צאָהל׳ ווערד דיא לאַגע פון דיא יודישע אַדוואָקאַטען׳ דאָקטורים׳ טעכ־ניקער׳ לעהרער און אַנגעשטעלטע (פּריקאַשציקעס) יעדער אָרט שטענדיג אונערטרעגליכער? איז דאָס אמת׳ אַז אונזער גאַנצער יודישער מיטעלשטאַנד איז אין אַ געפעהרליכער לאַגע? ... איז דאָס אמת׳ אַז אונזערע אביונים ליידען פיעל שווערער׳ אַלס יע־דער אַנדערער פּראָלעטאַריאַט?"

יאָ דאָס איז ריכטיג! און דיא גאַנצע געשיכטע׳ דער גאַנצער גאַנג פון אונזער ביז איצטיגען היסטאָרישען לעבען האָבען דאָס פאָרבערייטעט.

מיר זענען אָבגעריסען געוואָרען פון דער ערד און׳ פער־טריעבען אין נייע׳ פרעמדע לענדער׳ האָבען מיר געמוזט געהען אין דען מיטעלשטאַנד׳ ווערען סוחרים׳ מעקלערס קליינע בעלי־מלאכות. און מיט דעם אונטערגעהען פון דער געזעלשאַפטלי־כער קלאַסע׳ געהען מיר נישט נאָר פאַמעליך און מיט אכזריות צו גרונדע׳ נאָר דער נישט־יודישער מיטעלשטאַנד קוקט אויף אונז׳

וויא אויף זיינע קאָנקורענטען וויא אויף דיא אורזאַכע פון זיין אומגליק.

אַזוי זעהען מיר, וויא דיא געשיכטליכע ענטוויקלונג ברענגט אונז דערצו, אַז מיר פערליערען אונזערע פרנסות און גיט נאָך אַחוץ דעם תמיד נייע נאַהרונג דעם עקאָנאָמישען אַנטיסעמיטיזמוס.

וואָס טהוט דיא יודישע אַרבייטענדע מאַסע? דיא יודישע אביונים אָהן ברויט און אָהן אַרבייט ווערען נע־ונד׳ניקעס; זיי געהען פון דיא עקאָנאָמיש ווייניג ענטוויקעלטע לענדער אין מזרח קיין מערב אירופּא, און נאָך ווייטער, קיין אַמעריקא, אין לענדער אויף אַ העכער ווירטשאַפטליכער מדרגה. וואָס קען אָבער פון דעם ווערען?

דיא יודישע פּראָלעטאַריער וועלען נאָר דאַמאַלס קענען קאָנקורירען מיט דיא היימישע אַרבייטער, אַז זיי וועלען דריקען דעם שכר. און דיא ענגלישע אָדער אַמעריקאַנישע אַרבייטער וועלען זיך ווערען; מען וועט אַנהויבען פערמאַכען די טהירען פאַר דיא יודישע איינוואַנדערער *).

אַזוי וועט דער יודישער וואַנדערנדער פּראָלעטאַריאַט אין זיינע פעקליך ברענגען דען אַנטיסעמיטיזמוס אין לענדער, וואו ער איז נאָך נישט דאָ. — און דער אַנטיסעמיטיזמוס איז נישט קיין צו־פאַל. ער האָט דיא דאָזיגע שוין ערקלערטע סאָציאַלע (געזעל־שאַפטליכע) אורזאַכען און נאָך אַ סך אַנדערע וויא, למשל, רע־ליגיעזע אָדער פּאָליטישע. אַזוי לייכט וועט ער נישט פערשווינ־דען, דיא היסטאָרישע ערינערונגען און גלויבט אַבערגלויבען וועלען איהם נאָך געבען פיעל נאַהרונג. ער איז טיעף אַריין אין דען גייסט

*) די דאזיגע נבואה איז נאך 5 יאהר מקוים געווארען.

פון דיא פעלקער. דען דיא אמתע פאָלקס־ווערקע, וויא דיא פאָלקס־מעשיות און שפריכווערטער, זענען אַנטיסמיטיש.

„אין דער געפאַהר שטעהען מיר צוזאַמען, און דאָ ענט־דעקען מיר אונזערע מאַכט, צו גרינדען אַ מדינה“.

דער פראָיעקט איז נישט קיין אוטאָפּיע, וויל ער שטעלט פאָר דיא בענוטצונג פון אַ כח, וואָס עקסיסטיערט אין דער ווירקליכקייט.

דער דאָזיגער כח — איז דיא יודישע נויט!

„איך זאָג, אַז דיא דאָזיגע קראַפט, אויב זיא וועט ריכטיג פערווענדעט ווערען איז מעכטיג גענוג, כדי צו בעוועגען אַגרויסע מאַשין, איבערצופיהרען מענשען און רייכטהימער“...

אַ גרויסע, הונגריגע" פערצווייפעלטע יודישע מאַסע איז אַ געפאַהר פאַר דיא לענדער, וואו זיא געפינט זיך; זיא איז אונאַנ־גענעהם און לעסטיג פאַר לענדער, וואו עס פעהלט נישט קיין בעפעלקערונג, און וואָס ווילען דעריבער נישט האָבען קיין יודען מיט אַ יודענפראַגע. דיעזעלבע הונגריגע און אַרבייטענדע מאַסע איז אָבער אַ קראַפט און ניטצליכער כח פאַר אַ לאַנד, וואָס דאַרף נאָך בעלעבט ווערען, פאַר אַ מלוכה, וואָס האָט וועניג מענשען.

דיא יודען זענען אַ אונטערדריקטע נאַציאָן, וואָס ליידעט אַליין, וואָס בעריהרט אָבער דורך איהרע צרות דיא גאַנצע וועלט.

דיא יודישע פראַגע קען אָבער אַזוי פערענטווערט ווערען, אַז זיא זאָל אויפהערען דריקען אַלע, וואָס קומען אין מגע ומשא מיט איהר. דיא יודענפראַגע „איז אַ נאַציאָנאַלע שאלה, און אום זי צו לעזען, מוזען מיר זיע מאַכען צו אַ פּאָליטישער וועלט־פראַגע, וואָס מוז אין אַ אספה פון דיא קולטורפעלקער פער־ענטווערט ווערען“.

אונזער נויט גיט אונז מאַכט׳ וואָס מיר קענען זיא בעד־נוטצען; מיר קענען פון דיא פעלקער נישט נאָר אונטערדריקט ווערען׳ נאָר אויך עפּיס פערלאַנגען׳ און דיא וועלט׳ וואָס איז פעראינטערעסירט אינ׳ם לויז ווערען פון דער יודענפראַגע׳ קען נישט בלייבען טויב צו אונזערע פאָדערונגען.

אַלע ביז איצטיגע נסיונות צו פערענטווערען דיא יודענ־פראַגע זענען נישט געלונגען.

מען האָט פּראָביערט מאַכען פון דיא יודען ערדאַרבייטער אין דיא לענדער׳ וואו זיי געפינען זיך. דערביי האָט מען פער־געסען צוויי זאַכען. דער בויערנשטאַנד איז אַ היסטאָרישע ערשיי־נונג׳ וואָס איהר ענטוויקלונג האָט זיך שוין געקאָנטשעט און אב־געשטעלט; אין איינגע ערטער שטאַרבט ער גאָר אָב. דעריבער איז דאָס אַ פעהלער איינצופיהרען דיא יודען אין אַזאַ קלאַס מענשען וואָס איז אין געפאַהר צו פערשווינדען. צווייטענס׳ פער־געסט מען׳ אַז דיא פריהערדיגע בויערען וועלען דאָס גאָר נישט צולאָזען׳ אַז מען זאָל בכיון פערגרעסערן זייער צאָהל אינ׳ם לאַנד און אויף אַזאַ אופן אויך גרעסער מאַכען דיא קאָנקורענץ. דאָרט וואו יודען וועלען אין מאַסען איבערגעהען צו דער ערדאַרבייט וועט אויפוואַקסען אַ שטאַרקע אַנטיסמיטישע בעוועגונג ביי דיא נישט־יודישע בויערן.

אַנדערע האָבען געפּרווט גרינדען יודישע קאָלאָניעס אין ווענ׳ג בעוואוינטע לענדער׳ וויא ארץ ישראל׳ אָדער אַרגענטיניען׳ אָבער מיט אַ זעלכע קליינע מיטלען׳ מיט׳ן איבערפיהרען פון אַ פאָר טויזענד מענשען איז ווענ׳ג געמאַכט פאַר דער לעזונג פון דער יודענפראַגע.

אַנדערע זאָגען גאָר׳ אַז מיר זענען נישט קיין פאָלק׳ און מוזען נאָר זעהען אונטערגעהען צווישען דיא פעלקער. מיר ווילען

נישט רעדען פון דעם, צו דאַרף דאָס אַזוי זיין, אַז אַ פאָלק, וואָס האָט צוליעב זיין עקסיסטעניץ דורכגעליטען צוויי טויזענד יאָהר נאָכאײנאַנד דיא ביטערסטע צרות אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי פיעל געטהון פאַר דער מענשליכער קולטור, זאָל ענדיגען מיט'ן אָבזאָגען זיך פונ'ם לעבען; מיר וועלען אויך נישט אונטערזוכען, צו איז דאָס אמת, אַז דאָס יודישע פאָלק וויל אונטערגעהען, צומישען זיך מיט דיא פעלקער, צווישען וועלכע עס לעבט, אַזוי אַז קיין זכר זאָל נישט בלייבען. מיר ווילען נאָר זעהען, צו איז דאָס גאָר מעגליך? כדי אַ פאָלק זאָל זיך צומישען מיט'ן אַנדערן, איז ווייניג, אַז עס זאָל נאָכמאַכען דיא פרעמדע קליידער אָדער מנהגים. דער בעסטער מיטעל צו אַ אַ מת'ער אַסימילאַציע זענען נישואי תערובות, שדוכים מיט דער גוי'ישער בעפעלקערונג. אָבער דאָ איז דיא שאלה, צו דיא פרעמדע בעפעלקערונג וויל זיך מיט אונז צומישען. און אויף דעם האָבען מיר שוין געקריעגען אַ סך תשובות און קריעגען זיי אַלע טאָג. נאָר דער וואָס פערשטעהט נישט דיא בעדייטונג פון קלעפ, פון בעליידיגען און אָבשטויסען אויף יעדער שריט און טריט, קען מיינען אַז דיא אַסימילאַציע איז מעגליך.

אַזאַ טהעאָריע איז פערשטענדליך און מעגליך נאָר פאַר עטליכע יודישע מיליאָנערען, וואָס מאַכען שדוכים מיט "אַדעליגע" לײדיגגעהער, וועלכע זאָגען זיך נישט אָב פון יודישע מיליאָנען, אפילו אַז מען מוז דערצו התונה האָבען מיט אַ יודיש קינד. פאַר דער יודישער פאָלקסמאַסע אָבער בלייבט דיא אַסימילאַציע אַ אונמעגליכע און דערצו גאָר נישט קיין שיינע זאַך.

"דיא פאָלקספערזענליכקייט פון דיא יודען קען נישט, וויל נישט און מוז גאָר נישט אונטערגעהען".

מיר לעגען פאָר אַ בעסערען און אַ שטאַרקערען מיטעל.

„מען זאָל אונז געבען דיא סובערעניטעט (דאָס „רעכט פון אַ בעל־הבית) איבער אַ שטיק ערד׳ וואָס איז „גענוג צום בעפריעדיגען פון אונזערע גערעכטע „פאָלקס־בעדערפנישע׳ דאָס איבעריגע וועלען מיר אַליין „בעזאָרגען״.

מיר ווילען געבען דער יודישער מאַסע אַ פעסטען מקום־מנוחה.

קודם כל דבר וועט מען אונז אַ ודאי ווייזען אויף דיא קליינע קאָלאָניזאַציאָן׳ וואָס איז נישט גאַנץ געלונגען. דאָס איז נישט קיין ראיה. „אויף אַ קליין טייכעל קען מען זיך נישט אפילו מיט לאָדקעס שיפען; דער שטראָם אָבער אין וועלכען ער פליעסט אַריין׳ טראָגט אויף זיך גרויסע אייזערנע שיפען״.

מען וועט אַ ודאי באַלד בּיז אויף אַ גראָשען אויסרעכענען׳ וואָס דיא גרינדונג פון אַ מדינה דאַרף קאָסטען; עס מוז דעריבער באַלד געזאָגט ווערען:

„קיין מענש איז גענוג שטאַרק און רייך׳ כדי איבערצופיהרען אַ פאָלק פון איין אָרט אויף׳ן אַנדערען. דאָס קען נאָר אַ אידעע!״

און דיא קראפט׳ דיא דורכפיהרבאַרקייט פון דער אידעע „הענגט אָב פון דער צאָהל פון איהרע אַנהענגער״.

צוויי חברות מוזען געגרינדעט ווערען. דיא „יודישע געזעלשאַפט (Jewish Company) און דער יודישער פערבאַנד״.

„דיא יודישע געזעלשאַפט״ ווערט געגרינדעט נאָך מוסטער פון דיא ענגלישע טשאַרטער חברות׳ וואָס קריעגען רעכטע און קאָנצעסיאָנען פאַר געוויסע ערדשטיקע׳ וואָס זיי בעאַרבייטען און עקספּלואַטירען. „דיא יודישע געזעלשאַפט״ קויפט איין גרויסע שטיקער לאַנד׳ וואָס ווערען שפּעטער פער־פאַכטעט פון דיא איינוואנדערער. זיא בויט הייזער און גאַסען׳

וועגען און אייזענבאַהנען אינ׳ם לאַנד און קען דאָס אַלין פער־דינגען; זיא אונטערשטיצט דיא קאָלאָניסטען מיט געלד אויף אויסצוצאָהלען און איבערנעהמט דאָס פערקויפען פון זייער איי־גענטהום אין דיא לענדער׳ פון וואַנען זיי וואַנדערן אויס. אויב דיא מקחים זענען שטאַרק געפאַלען׳ קען "דיא געזעלשאַפט" איבער־נעהמען דיא פיהרונג פונ׳ם פערלאָזענעם געשעפט ביז צו דער צייט׳ אַז מען וועט איהם אָהן היזק קענען פערקויפען.

מיט איין וואָרט׳ זיא ליקווידיערט דיא געשעפטען׳ פון דיא אויסוואַנדערער׳ און אונטערשטיצט זיי מיט קרעדיט ביי זייער נייער איינריכטונג. פאָהרען מוזען דיא איינוואַנדערער אויף אייגע־נע הוצאות׳ "דיא יודישע געזעלשאַפט" קען אָבער זאָרגען פאַר דעם׳ אַז זיי זאָלען קריגען פון דיא רייזע געזעלשאַפטען אַ הויכען ראַבאַט.

"דיא יודישע געזעלשאַפט" זאָרגט פאַר דעם׳ אַז ס׳זאָלען פריהער וואַנדערן דיא דאָזיגע אַרבייטער׳ וואָס מען דאַרף זיי נויטיגער האָבען. זיא בעשטימט דיא צאָהל פון דיא נויטיגע אַר־בייטס־כחות און ווייזט אָן דיא איינוואַנדערער דעם אָרט׳ וואו זיי קענען באַלד קריגען אַרבייט. דיא אַרבייטער אָרגאַניזירען זיך אין חברות׳ וואָס בעזאָרגען אַלין וואָס זיי דאַרפען דורך דיא אונטער־שטיצונג און פערמיטלונג פון "דער געזעלשאַפט". פאַר דיא אונ־געלערענטע אַרבייטער זאָרגט "דיא געזעלשאַפט" דורך בויען פון שולען. — "דיא געזעלשאַפט" בעשטימט דיא שכירות פון דיא אַרבייטער׳ דעם קלענסטען לוין׳ וואָס גיט דיא מעגליכקייט צו לעבען געזונד און זאַט׳ וויא אויך דען אַרבייטס־טאָג. דער מוז דויערן 14 שעה׳ אָבער יעדער אַרבייטער קען בעשעפטיגט זיין נאָר 7 שעה אַ טאָג. דיא אונטערנעהמער׳ וואָס פיהרען זיך נאָך דיא רעגעל׳ן פון דער חברה און האַלטען דעם זיעבענשטונדיגען

אַרבייטס־טאָג ווערען פון דער געזעלשאַפט אונטערשטיצט; זיא קען׳ למשל׳ רעקלאַמיערען זייער סחורה׳ אָדער בילינ טראַנס־פּאָרטיערען אויף איהרע באַהנען. און פערקעהרט׳ אַזאַ גרויסע און שטאַרקע געלד־געזעלשאַפט קען שטענדיג געפינען מיטלען צו פערפאָלגען דיא אונטערנעהמער׳ וואָס האַנדעלן נישט נאָך איהרע געזעצען. אויף אַזאַ אופן זעהט ״דיא יודישע געזעלשאַפט״׳ אַז דיא אויסוואנדערונג זאָל נישט ערשיטערן דיא לענדער׳ וואָס דיא יודען פערלאָזען זיי׳ און רעגוליערט דיא איינוואַנדערונג אין דיא נייע לאנד.

״דער יודישער פערבאנד״ (Society of Jews) איז דער פערטרעטער פונ׳ם יודישען פאָלק׳ וואָס האנדעלט אין זיין נאָמען מיט די רעגיערונגען און זעהט׳ אז דיא טהעטיגקייט פון ״דער יודישער געזולשאפט״ און פון אלע אנדערע חברות און אגודות׳ וואָס העלפען מיט ביי דער עמיגראציע׳ זאָל זיין נאָך׳ן ווילען פונ׳ם יודישען פאָלק. דאָס איז א געזעלשאפט׳ וואָס בעשטעהט פון דיא בעסטע יודישע לייט און קריעגט איהרע צושטימונג פון א סך יודען׳ אזוי אז זיא קען אין דעם נאָמען פונ׳ם פאָלק פיהרען אונטערהאנדלונגען מיט רעגירונגען און קיסרים. זיא איז א צייט־ווייליגע יודישע רעגיערונג.

אזוי שילדערט הערצל מיט בעגייסטערונג זיין פלאן אין אלגעמיינעם און שטעלט זיך אָב מיט ליעבע אויף עטליכע פרטים׳ דען דער פּאָליטיקער הערצל קען זיך נישט אין גאנצען בעפרייען פונ׳ם דיכטער׳ וואָס זיין פאנטאזיע מאָלט איהם שיינע׳ בעצויי־בערנדע בילדער. ער זעהט שוין אפילו דעם פאָהן פון דער יודי־שער מדינה׳ דעם שנעע־ווייסען מיט זיעבען גאָלדענע שטערן: ער וויזט אויף דיא ריינקייט פון אונזערע געדאנקען און אויף׳ן

זיעבענשטונדענטאָג׳ דען דיא עהרליכע און אונערמידליכע ארבייט וועט אונז אויפבויען אונזערע נייע היים.

ער זעהט שוין דיא בעגייסטערונג׳ וואָס וועט זיך ערוועקען ביים אלטען פאָלק. דיא חשמונאים וועלען וויעדער אויפלעבען. דיא יודען׳ וואָס ווילען׳ וועלען האָבען זייער מדינה און זיי וועלען זיא פערדיענען...

מיר ווילען׳ ענדליך׳ לעבען אלס פרייע מענער אויף אונזער אייגענער ערד און רוהיג שטארבען אין אונזער אייגענער היים... דיא וועלט ווערט דורך אונזערע פרייהייט בעפרייט׳ בעריייכערט דורך אונזער רייכטהום׳ און ווערט גרעסער דורך אונזער גרויסקייט״.

III.

דער אָנהויב פון הערצל׳ס טהעטיגקייט. ער ווערט ציוניסט. דער ערשטער פלאַן נישט געלונגען. פאָרבערייטונגען צום קאָנגרעס.

יעדער וואָס ווייסט, וואָס, אַזוינס איז געוואָרען הערצל פאַר אונזער פאָלק, יעדער וואָס קען איהם, ווי דעם שטאַרקסטען און גרעסטען טהוער פונ׳ם גלות, וועט זיך בודאי וואונדערן, צו הערען, אַז הערצל האָט פון אָנהויב באמת ובתמים געגלויבט, אַז זיין אַרבייט איז מיט׳ן אויפשרייבען פונ׳ם „יודענשטאַט״ בעענדיגט. ער האָט דאָס אפילו די ערשטע צייט נישט געוואָלט דרוקען, און האָט דאָס נאר געוויזען אינ׳ם כתב־יד פערשידענע לייט, וואָס ער האָט געמיינט, אַז זיי שטעהען נאהנט צום יודישען לעבען, ווי איינינע ראשי הקהל פון די דייטשע און ענגלישע יודען. אַז די יודישע גבירים פון מערב־אייראָפא האָבען זיך אָבער

זעהר קאַלט געוויזען, און די עוסקים בצרכי צבור האָבען נישט געוואָלט קוקען ווייטער ווי זייער נאָז — דאַמאָלס האָט זיך הערצל ענטשלאָסען אַריינצוגעהען אין דעם יודישען לעבען אויך מיט מעשים.

נאָך פאַר׳ן ארויסגאַנג פונ׳ם „יודענשטאַט" האָט ער געשריבען איבער זיין פּלאַן אַ מאמר אין אַ יודיש־ענגלישען בלאַט („די יודישע כראָניק" 14־טען יאַנואַר 1895.) דער אַרטיקעל האָט שוין געמאַכט אויפזעהען, און אַז ס׳איז ערשיענען „דער יודענשטאַט" האָט זיך אויפגעהויבען אַ אמת׳ער רעש און שטורם אין דער יודישער און אויך נישט־יודישער וועלט. — די צייט איז שוין געווען רייף פאַר אַזאַ גרויסען פאָרשלאַג, די גייסטער האָבען שוין געזוכט נאָך אַ גרויסער און שטאַרקער תשובה אויף די יודענפראַגע, און דער יודענשטאַט האָט זי געגעבען.

אין אַלע יודישע צייטונגען האָט מען ארומגערעדט די בראשורע, וואו ס׳איז נאר געווען יודישע חברות און אגודות האט מען אָבגעהאַלטען אספות און געפיהרט וכוחים איבער די דורכפיהרונג פון הערצל׳ס פּלאַן. הערצל׳ס ברייטער בליק און טאַפּפערער גייסט האָט אויף אַלע געווירקט אבפרישענדיג, דאָס וואָס עס האָט געפעהלט יודען שוין אַזוי לאַנג — דער גלויבען אין זייערע כחות — איז ווי מיט איינמאָל געקומען. הערצל האָט פון אַלע זייטען געקריגען הבטחות פון גאַנצע גרופּען יודען פון אַלע עקען וועלט, אַז זיי זענען בערייט צו געהען מיט איהם. און הערצל האָט גאַניץ אונערוואַרטעט פאַר זיך אַליין דערזעהען זיך אַן דער שפּיצע פון אַ סך טויזענדער מענשען, וואָס האָבען איהם געהאַלטען פאַר זייער פיהרער. דאָס איז אַלין מעהר געוואָרען ריכטיג, דען, הערצל האָט נישט געקאָנט געפינען די מענשען, וואָס זאָלען האָבען דעם נויטיגען גלויבען

אינ'ם יודישען פֿאָלק, און די פֿעהיגקייטען אויסצופֿיהרען זיין פלאַן, און ער האָט זיך אַליין גענומען צו דער אַרבייט.

זיין פלאַן האָט אנגענומען נאָך אַ קלאָרערע פֿאָרם. הערצל האָט נישט נאר געווירקט אויף די יודישע אינטעליגענץ; ער האָט גאַנץ גוט פֿערשטאַנען, אַז ער קען נישט דאָס גייסטיגע לעבען פֿון זיין פֿאָלק, און האָט מיט חשק געלערנט. דאָס איז בכלל, געווען איינע פֿון די שענסטע מעלות פֿון זיין כאַראַקטער; אין אַ זאַך וואָס ער האָט נישט געוואוסט, האָט ער זיך געלאזען לערנען אפילו פֿון אַ סך קלענערע פֿאַר איהם אין חכמה און תורה. ער האָט זעהר געהאַלטען פֿונ'ם מאמר חז"ל: „קבל את האמת ממי שאמרה" אַזוי איז דאָס געקומען, אַז הערצל איז געוואָרען אַ תלמיד פֿון יענע, פֿון וועלכע ער האָט נאָך אינ'ם „יודענשטאַט" נישט שטאַרק געהאַלטען — פֿון די חובבי ציון.

די חובבי ציון, אָדער ווי זיי האָבען זיך אנגעהויבען צו רופֿען אין דייטשלאַנד, די ציוניסטען זענען געווען אַ קליינע פּאַרטיי, וואָס האט זיך בעשעפֿטיגט מיט דער גרינדונג פֿון קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. זי איז בעשטאַנען לרוב פֿון בעלי־בתים, אָבער אויך די אביונים האָבען מיטגעהאָלפֿען מיט גראשענס. אָט מיט די קליינע מיטלען איז זיי געלונגען, צו גרינדען עטליכע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל מיט אַ ערך פֿון פֿינף טויזענד יודישע בויערן. דאָס איז געווען, יעדענפֿאלס, אַ וויכטיגער ערפֿאָלג.

אין זייערע עיקרים, פּרינציפּען האָבען זיי געהאַט אין אַ סך זאַכען דענזעלבען שטאַנדפונקט, ווי „דער יודענשטאַט". אויך זיי האָבען געזאָגט, אַז די יודען זענען אַ פֿאָלק, און אז די יודישע פֿראַגע איז אַ נאַציאָנאַלע. זיי האָבען צוזאַמען מיט הערצל'ען פֿעראַכטעט די אַסימילאַציע, און געהאַט אַ שטאַרקען גלויבען אין די צוקונפֿט פֿון די יודען. אויך זיי האָבען ריכטיג געשעצט

דעם אנטיסימיטיזמוס, שטענדיג בעוויזען, אַז ער איז נישט קיין צופאל, און געפאָדערט פון דעם יודישען פאָלק, אַז ער זאָל נישט פערבינדען זיין גורל מיט די לענדער, וואו ער לעבט, נאר פיהרען זיינע אייגענע פאָליטיק אין דעם גייסט פון זיין גאַנצער געשיכטע. די יודישע געשיכטע, זאָגען די ציוניסטען קען מען נאר דאַמאָלס פערשטעהען, אַז מען וועט אויף זי קוקען, ווי אויף אַ קאַמפף פון אַ אונטערדריקטער און פערוואָגעלטער נאַציאָן פאר איהר עקסיסטענץ און פאר איהרע נאַציאָנאַלע האָפנונגען, וואָס זענען שטענדיג בעשטאַנען אין דער פעסטער איבערצייגונג, אַז דער גלות איז אַ אוננאָרמאַלער צושטאַנד, וואָס מוז זיך אַ מאָל ענדיגען. דער סוף פון די צרות, די גאולה איז אין ארץ ישראל, וואָס איז תמיד געווען דער צענטער פונ'ם גלות-לעבען.

הערצל האָט אַ נעהם געטהון די פראגע פון אַ אַנדער זייט. די קלאָגען איבער גלות השכינה, איבער דעם גייסטיגען, אונטערגאַנג פונ'ם יודישען פאָלק זענען איהם פריהער געווען אונבעקאַנט, בשעת ביי די חובבים שפּיעלען זיי די הויפּטראָלע. איהם איז געווען פערשטענדליך די מאַטעריעלע יונדעננויט און איהרע פאָלגען פאר אונז און פאר דער גאַנצער וועלט ער האָט בעוויזען דעם וויכטיגען אמת, אַז די יודענפראגע איז אויך אַ וועלטפראגע, וואָס מוז פעראינטערעסירען אַלע מלוכות. אויסערדעם: הערצל האָט בעוויזען, אַז די יודען זענען אַ מאַכט, נישט נאר מיט דעם וואָס זיי ווילען עפּיס דערגרייכען, נאר אויך מיט דעם, אַז אין דער יודישער לאַגע גופא געפינען זיך עלעמענטען פאר אַ שטאַרקע פאָלקס-פאָליטיק. נאר מוזען דערצו די יודען אויפזאַמלען זייערע בעסטע כחות און ארויס-זאָגען דער וועלט זייער ווילען.

פּאָליטיק אָבער שרייבט מען ניט, מען מאכט זי: דער אונשטערבליכער פֿערדינסט הערצל'ס בעשטעהט אין דעם, אַז ער האט דער ערשטער געוויזען, אַז דאָס איז טאַקי מעגליך. דעם שטוים דערצו האָבען איהם געגעבען די ציוניסטען, זיי האָבען איהם אויסגעדריקט אין אַ סך רעזאָלוציעס און אדרעסען זייער פֿערטרויען, האבען איהם אבער אויפֿמערקזאם געמאַכט, אַז אויף צו גרינדען אַ יודישע מדינה מוז מען האָבען הינטער זיך א מעכטיגע פֿאָלקס־בעגייסטערונג. און די קען גרויס זיין נאר, אַז דאס לאנד וועט זיין דאָס היסטאָרישע פֿאטערלאַנד— ארץ ישראל. (די אדרעסע פֿון פֿעראיין „ציון" אין וויען, דורך דר. שנירער און דר. קאָקעש.) הערצל האָט מיט דעם מסכים געווען נאך צוליעב אַנדערע גרינדע. ער האָט געוואוסט, אַז אַ פּאָליטישע פּארטיי מוז האָבען אַ קלארען צוועק, דאָס אָפּפֿען זאָגען, וואס פֿאר אַ לאַנד, גיט דעריבער מעהר קלאָרהייט דער פּארטיי אליין, און גיט אויך די רעגירונגען די מעגליכקייט צו זאָגען, צו זיי קענען אונטערשטיצען, צו ניט. דערצו קומט נאָך, אַז ארץ ישראל איז דאָס איינציגע לאַנד, אויף וועלכעס מיר האָבען אויך היסטאָרישע רעכטע. די ציוניסטען האָבען געווירקט אויף הערצל'ען אויך מיט דעם, אַז זיי האבען איהם געהאָלפֿען בעקאַנט ווערען מיט'ן יודישען לעבען, מיט יודישע אידעאַלען — און הערצל איז איבערגעגאַנגען צו דער ציוניס־טישער פּאַרטיי.

ער איז אבער נישט לאַנג געווען אַ תלמיד מקשיב, זיין שטה איז געבליבען די אייגענע, נאר האט ער אצונד געשטרעבט צום יודענשטאַט אין דעם יודישען לאנד. ער האָט זיך ערקלערט באַלד פֿאר אַ געגנער פֿון דער קליינקאָלאָניזאַציאָן (ווי שוין אינ'ם „יודענשטאאט") די מאסענקאָלאָניזאַציאָן קען זיין

אונזער ציעל, און אויך דאס נאר נאך דעם ערלאַנגען פֿון רעכט־ליכע הבטחות. אַ פֿאָלק דארף און קען זיך נישט אריינגנב׳נען אין אַ לאַנד; מיט קליינע קאָלאָניעס פֿערענטפֿערט מען נישט קיין פֿאָלקספֿראגע. אָפֿפֿען, פֿאר דער גאַנצער וועלט מוזען מיר זאגען, וואס מיר ווילען. די איינוואַנדערונג פֿון אַ אַרבייטזאמען, פֿעהיגען פֿאָלק איז אזא נוטצען פֿאר א נישט ענטוויקעלטעס לאנד, ווי ארץ ישראל און פֿאר אַ שוואַכער מלוכה, ווי די טירקיי, אז מיר קענען רוהיג זאגען, צו וואס מיר שטרעבען, כדי צו קריגען א זעלכע רעכטע, וואס ווערען עפֿענטליך גאַראַנטיערט.

דאס בעשטרעבען הערצל׳ס צו מאַכען דעם ציוניזמוס פֿאר אַ פֿאָליטישע פראגע, צו פֿעראינטערעסירען מיט איהר די טירקיי און אלע וועלטמעכטע — האט די ערשטע צייט פשוט געבראַכט אַ פחד אויף די חובבים, און דער עלטעסטער פֿון זיי דר. ליפפע פֿון רומעניען — האָט געווארנט אַלע זיינע פֿריינד פֿאר די „געפֿעהרליכע״ אידעען דר. הערצל׳ס (אינ׳ם דייטשען בלאַט „ציון״ 1896.) די מאַסע פֿון די חובבים אבער איז געגאנגען מיט פֿערטרויען צו הערצל׳ן צוזאַמען מיט פֿיעלע אנדערע טויזענדע, און דער רוב פֿון די אַלטע פֿיהרערס זענען אויך שפעטער גע־קומען. *)

אין חודש יוני פֿון יאָהר 1896 איז הערצל געפֿאָהרען

---

*) עס וואלט געווען אַ פעהלער צו מיינען׳ אַז הערצל איז געווען להלוטין געגען די חו״צ. ער האט געהאלטען זייער טהעטיגקינט פאר גאנץ גוט׳ נאר האט ער דאס געהאלטען פאר אַ צדקה׳ וואס פאסט פאר איינ־צעלנע חברות און יחידים׳ וואס קאן אבער זיך ניט אָנרופען אַ רעטונגס־מיטעל פאר׳ן פאָלק (דער בעסטער בעוויז פאר דעם איז די טהאטזאכע׳ אז הערצל איז געווען דער ערשטער אקציאנער פון דער אגודה צום גרינדען פון קאלאניען אין א״י פאר גאליצישע יודען׳ ״אהבת ציון״).

קיין קאָנסטאַנטינאָפּעל און געהאַט דאָרט אַ קאָנפערענץ מיט דעם גרויס־וויזיר (ערשטען מיניסטער). דען רעזולטאַט פון זיין רייזע האָט ער מיטגעטהיילט אין אַ רעדע, וואס ער האָט געהאַלטען אינ׳ם „מאַכאַבעער קלוב אין לאָנדאָן דען 6־טען יולי: דער שולטאַן איז אַ גוטער פריינד פון די יודען און האָט גאָר נישט געגען אַ גרויסע יודישע קאָלאָניזאַציאָן אין ארץ ישראל.

אין דער רעדע האָט הערצל ווידערהאָלט זיינע גרונד־אידעען און מיטגעטיילט, אַז ער איז געקומען קיין לאָנדאָן צו גרינדען די ביידע חברות, וואָס ער שלאָגט פאָר אינ׳ם „יודען־שטאַט״. די יודישע זאַך מאַכט פאָרטשריטע, זאָגט הערצל. פאר עטליכע חדשים האט מען געלאַכט פון מיין פלאַן, ווי פון אַ חלום, אצונד בעשעפטיגען זיך מיט דער יודישער שאלה און מיט דער יודישער מדינה גאַנץ ערנסט קיסרים און מיניסטער. איך וואונדער זיך אליין הערענדיג מיך רעדען פאר אזא גרויסע פערזאַמלונג און זעהענדיג מיך אונטערהאַנדלען מיט פירסטען און דיפּלאָמאַטען — עס מוז אבער אַזוי זיין, דען די צייט איז שוין דערצו געקומען. הערצל דערמאָנט מיט גרויס אכטונג פון באראָן הירש, וואס איז עטליכע חדשים פאר דעם געשטאָרבען. ער האָט געהאַט דעם ריכטיגען געדאנקען, נאר דען אונריכטיגען וועג — די צדקה. גראָד דעם טאָג פון זיין טויט האב איך, דערציילט הערצל, געקריגען די איינלאַדונג פאָרצולעגען מיין פלאַן פאר אַ געקרוינטע פערזאָן. „אין דעם טאג איז געשטאר־בען דער צדקה־ציוניזמוס און געבוירען געוואָרען דער פּאָליטישער ציוניזמוס״.

פון די וכוחים, וואס זענען געקומען נאך הערצל׳ס רעדע זעהט מען, אז נישט נאר די אסימילאַנטען זענען געווען געגען איהם, נאר אויך זיינע שפּעטערדיגע מיטאַרבייטער, ווי

ישראל זאַנגוויל, הערבערט בענטוויטש א. א. נאר דער יעצטיגער ביטערער פיינד פונ׳ם ציוניזמוס, לאסיען וואָלף, האָט אונטער־שטיצט הערצל׳ן און פארגעלעגט אויסצוקלייבען אַ קאָמיסיע, כדי ארומצורעדען זיין פלאן. דער פארשלאַג איז אנגענומען געוואָרען.

עס זענען אוועקגעגאַנגען נאך עטליכע חדשים און הערצל האט זיך איבערציינגט, אז פון זיין ערשטען פלאן מיט די צוויי חברות, וואס זאלען געבילדעט ווערען פון ענגלישע יודען און וועלכע וועלען פיהרען די גאַנצע זאך, וועט גאר נישט ווערען. זיין האפנונג, אז די געבילדעטע יודען וועלען בערייט זיין צו קעמפען פאר „די עקסיסטענץ, עהרע און פרייהייט" פונ׳ם יודי־שען פאָלק און אז „די קרעדיט־פאליטיק פון די גרויסע פינאַנץ יודען" וועט וועלען דינען דער פאָלקסזאכע, איז נישט ערפילט געווארען, און הערצל איז אין סוף יאהר 1896 איבערגעגאנ־גען צו זיין נייעם סיסטעם פון פאָלקס־אָרגאַניזאַציאָן און פאָלקס־פערטרעטונג.

דער פאָלקסווילען, דאָס שטרעבען צו אַ אינערליך זעלבסט־שטענדיגער יודישער געזעלשאפט אינ׳ם יודישען לאַנד־ארץ ישראל — מוז פאר דער וועלט ערקלערט ווערען פון דעם יודישען פאלק אליין. אנשטאט פונ׳ם „יודישען פערבאַנד" — Society of Jews דארף קומען אַ אמת׳ע פאלקס־פערטרע־טונג, אַ יודישער פאַרלאמענט, קורץ, אַ קאנגרעס פון אלע וואס זעהען די רעטונג פונ׳ם יודישען פאלק אין אַ אייגענעם היים. — הערצל האט נישט פערלארען די צייט אומזיסט. ער איז בעקאנט געווארען מיט די עסטערייכישע ציוניסטען, מיט די ענגלישע חובבים, אונד אויך עטליכע פערטרעטער פון די רוסישע חו״צ האבען איהם בעזוכט. ער איז שטענדיג מעהר איבערציינגט געווארען, אז דער אידעאל פון דער נאציאנאלער אויפלעבונג

האט זיך אויף וועמען צו שטיצען, און אז דאָס יודישע פאלק איז נאך פעהיג צו פיהרען אַ אייגענע פאליטיק. די געוואוינהייט פון די מערב־יודען צו קוקען אויף די מזרח־יודען פון אויבען אראָפּ, האט ער זעהר באלד געפונען פאר נישט ריכטיג. און וואס מעהר ער איז בעקאנט געווארען מיט יודען, וואס זענען איהם ביז אהער געווען פרעמד, איז אויך זיין בעגייסטערונג גע־וואקסען. דער געוואלטיגער גלויבען הערצל׳ס אין אונזערע כחות און אין אונזער צוקונפט האט געוואונדערט נישט נור קריסטען נאר אויך יודען אליין. דער דאזיגער גלויבען האט איהם אויך געגעבען מוטה צו ארבייטען מיט געדולד און רוהע אין די שווערסטע מאָמענטען. אפילו אזא פערעהרער הערצל׳ס, ווי זאנגוויל, ערקלערט זיין אונערשראָקענהייט דורך דעם, וואס ער האט ווייניג געקענט די יודען. משמעות אז ער וואלט אונז בע־סער פערשטאנען, וואלט ער נישט אזוי פיעל אונטערגענומען. אויב דאס איז אזוי, וועלען מיר מוזען זאגען, אז הערצל׳ס נישט קענען דאס יודישע פאָלק איז געווען פאר אונז אַ גרויס גליק.

עס האט זיך אנגעהויבען אַ שווערע ארבייט, און די קראפט הערצל׳ס האט זיך דא געוויזען אין איהר גאנצער גרויסקייט. דער פעראייניגטער קאמיטעט פון אלע ווינער ציוניסטישע אגודות האט שוין פריהער אנגעגרייט דעם באָדען פאר אַ צוזאמענגעהען פון דער ציוניסטישער אינטעליגענץ: ער האט צושיקט אַ אויפ־רוף צו יודישע אינטעליגענטען אין דער גאנצער וועלט מיט דער איינלאדונג אויסצודריקען זייער צושטימונג צו די ציוניסטישע בע־שטרעבונגען. אין דעם קאמיטעט איז הערצל געווען נאר אַ גאסט. — אין אנהייב פון יאהר 1897 האָט ער געגרינדעט אַ נייעם ועד, וואס האט׳ געדארפט צוזאמענרופען אַ ציוניסטישען

וועלט־קאנגרעס. — די שוועריגקייטען זענען געוועזען גרויס. מען האט געמוזט זעהען, אז דער קאנגרעס זאל פארשטעלען א בילד פון אחדות. אלע קליינע שפּאַרענישען צווישען „פּראקטישע" און נישט־פּראקטישע ציוניסטען, צווישען מזרח־און מערב־ציוניסטען, בקצור, אלץ וואס האט געקאנט אבשוואכען דעם קאנגרעס, אלס אַ דעמאָנסטראציע פון דעם יודישען פאלקסווילען, האט געמוזט פערמיעדען ווערען.

מען האט געמוזט אויפזוכען די בעסטע אינטעליגענטע כחות פון דער ציוניסטישער פּארטיי און פערטהיידען די רעפּער־ראטען: מען האט געמוזט זעהען, אז ס'זאלען קומען נאר פער־טרעטער פון ציוניסטישע אגודות, און וואס מעהר; מען האט געמוזט מנצח זיין אלע שוועריגקייטען פון אַ קאנגרעס, וואס דארף זיך פארשטעלען צום ערשטען מאל דער וועלט, און וואו עס מוזען זיך אויפקומען מענשען פון צענדליגער לענדער, מיט פערשידענע שפּראכען און אגזיכטען — און די גאנצע ארבייט איז געמאכט געווארען אין אַ קורצע צייט פונ'ם קאמיטעט, וואס הערצל איז געוועזען זיין פּרעזידענט. אין חודש מערץ איז שוין ארויסגעגאנגען אַ אָפיציעלע איינלאדונג צו אלע ציוניסטישע חברות, צו שיקען זייערע פערטרעטער צום קאנגרעס, ר"ח אלול תרנ"ז— באלד האבען זיך ארויסגעוויזען נייע הינדערניסע, דער קאנגרעס האט געזאלט זיין אין מינכען, אבער די דארטיגע יודען האבען נישט געוואלט דערלעבען די „חרפּה" פון אַ ריין־יודישער אספה און האבען פּראטעסטירט. הערצל האט זיך נישט דערשראָקען און איבערגעטראגען דען קאנגרעס קיין באזעל... וואס איז זייט דאמאלס אַ היסטארישע שטאדט פאר די יודען.

כדי צו פערשפּרייטען די אידעען פונ'ם קאנגרעס און צו בילדען אַ מרכז פאר אלע ציוניסטען, האט הערצל געגרינדעט

דאס בלאט: „די וועלט“. מיט דעם נאמען האט ער געוואלט אויסדריקען דעם אינטערנאציאנאלען וועלט־כאראקטער פון אונ־זער בעוועגונג. „די וועלט“ האט אנגעהויבען ארויסצוגעהען אין יוני 1897, און די ערשטע צייט, אז הערצל איז נאך נישט געווען אזוי שטארק בעשעפטיגט מיט דער פיהרונג פון דער בעוועגונג. איז ער געווען איהר פלייסיגער און בעסטער מיט־ארבייטער.

אויפ׳ן קאנגרעס האט ער געזאלט רעפערירען איבער: „די יודענפראגע און דער נעכסטער אייראָפּעאישער קאנגרעס“, ד. ה. ער האט געוואָלט בעווייזען דען פאליטישען כאראקטער פון דער יודישער שאלה, און ערקלערען ווי אזוי די יודען מוזען זיך גרייטען צו אַקומענדער אספה פון אלע מלוכות כדי אויפצו־טרעטען מיט זייערע קלאגען און פאָרדערונגען, אלס פאלק. אבער צוליעב געוויסע נאך אונבעקאנטע סבות האט הערצל דעם רעפעראט נישט געלעזען, ער האט אויף זיך גענומען די ערעפנונגסרעדע פונ׳ם קאנגרעס.

IV.

דער ערשטער קאנגרעס און דאָס באַזעלער פּראָגראַם. הערצלי אַלס פּאָליטישער פיהרער פונ׳ם יודישען פאָלק. די מיטלען צו פערווירקליי־כען דעם ציוניזמוס. די פינף קאָנגרעסען. די פאָלגען פון הערצל׳ס פּאָליטיק.

וועניגע האבען פערשטאנען די בעדייטונג פונ׳ם קאנגרעס, בכלל, און נאך וועניגערע דאָס, וואס הערצל האט געוואלט מיט איהם דערגרייכען. נישט אלע ציוניסטען האבען זיך קלאר

פארגעשטעלט, ווי אזוי דער קאנגרעס וועט קענען אנהייבען שפילען די ראָלע פון אַ יודישען פאָלקס־פערטרעטער, צו וואס ס׳האט געשטרעבט הערצל. אַ סך האבען גלאט נישט געגלויבט, אז יודען וועלען קענען זיך צוזאמענרעדען, קורץ, מען האט ווע־גען דעם קומענדען קאנגרעס געהערט שלעכטע נבואות. נאר זיי אלע זענען פערשוואונדען, אז די שיינע פיגור הערצל׳ס האט זיך געוויזען אויף דער טריבונע, אז זיינע קלארע און רוהיגע שטימע האט פארגעלעזען די ערעפנונגסרעדע, אז זיינע פעסטע האנד האט גענומען דעם האַמער פונ׳ם פרעזידענט...

געוואלטיג איז געווען די בעגייסטערונג מיט וועלכער 200 דעלעגירטע פון דער גאנצער וועלט האבען איהם עמפאנגען. פונ׳ם ערשטען מאָמענט האבען אלע דערפיהלט, אז דאס איז דער פיהרער דער לאנג געזוכטער און ערווארטעטער פארשטעהד־ער פונ׳ם יודישען פאָלק, און מיט ליעבע און פערטרויען האבען זיך געצויגען צו איהם טויזענדער מענשען.

„אונזער לעבען שטעלט פאר נאר אַ אויגענבליק אין דעם עוויגען לעבען פון אונזער פאלק", האט אַ מאל געשריבען הערצל: „דער דאזיגער אויגענבליק האט זיינע פפליכטען". ער האט געוואוסט, אז גרויס און שווער איז די פעראנטווארטליכ־קייט, וואס מען וויל אויף איהם ארויפלעגען, נאר ער האט אויך געוואוסט, אז ער טהאר זיך נישט אבזאגען פון דער דאזיגער פפליכט. און הערצל איז געווארען צום שטענדיגען פרעזידענט פונ׳ם יודישען פארלאמענט, און צום יושב ראש פונ׳ם ציוניסטי־שען ועד הפועל. אויף אזא אופן האט ער אויף זיך גענומען די פיהרונג פון דער יודישער פאלקספאליטיק דער קאנגרעס איז געווען איהר אנהייב. באזעל איז געווארען אַ דאטום אין אונזער געשיכטע.

אַז עמיצער וואָלט אַ מאָל וועלען וויסען, וואָס עס וויל דאָס יודישע פֿאָלק, וואָלט ער דאָס נישט געקאָנט: נאָך מעהר, ער וואָלט נישט געוואוסט מיט וועמען צו רעדען. עס איז נישט געווען קיין פֿאָלק און עס איז נישט געווען קיין פֿאָלקסווילען. דער ערשטער באַזעלער קאָנגרעס האָט דאָס בעשאַפֿען.

ער האָט בעשלאָסען צו בעשאַפֿען אַ יודישע פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציאָן: צו איהר געהערט יעדער יוד וואָס צאָהלט איין די פֿאָלקס־שטייער — דעם שקל, יעדער שקל־צאָהלער האָט שטימרעכט צו קלויבען אַ דעלעגירטען, ד. ה. אַ פֿערטרעטער פֿון הונדערט ציוניסטען אויף'ן קאָנגרעס. די שוקלים פֿעראייני־גען זיך אין אגודות און לאַנדעס־אָרגאַניזאַציאָנען, נאָך די גע־זעצע פֿון יעדער לאַנד.

דער פֿערטרעטער פֿון אַלע יודען, וואָס טרעטען צו צו דער ציוניסטישער פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציאָן, איז דער קאָנגרעס, וועלכער רעד אַרום די מיטלען צום ערדייכען פֿון אַ פֿרייער עק־סיסטענץ פֿאַר דער יודישער נאַציאָן. אין וואָס בעשטעהט די פֿרייע עקסיסטענץ פֿון אונזער פֿאָלק, דאָס האָט דער קאָנגרעס אויסגעדריקט אינ'ם באַזעלער פּראָגראַם.

מען האָט זיך שטאַרק מתוכח געווען איבער דעם נוסח: יודענשטאַט, היימשטעטע, פֿעלקער־רעכטליך געזיכערטע היימ־שטעטע... סוף כל סוף איז מען געקומען צו דעם בעקאַנטען זאַץ:

„דער ציוניזמוס ערשטרעבט פֿאַר'ן יודישען פֿאָלק די שאַפֿפֿונג פֿון אַ עפֿענטליך־רעכטליך געזיכערטע היימשטעטע אין ארץ ישראל".

דערצו נעהמט אָן דער קאָנגרעס פֿאָלגענדע מיטלען:

א) אַ צוועקמעסיגע מאַסענקאָלאָניזאַציאָן פון ארץ ישראל.
ב) די פאָלקס־אָרגאַניזאַציאָן.
ג) די ענטוויקלונג פונ׳ם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין.
ד) דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען מיט די רעגירונגען, כדי מעגליך צו מאַכען די רוהיגע דורכפיהרונג פונ׳ם פונקט א).

אויף אַזאַ אופן איז בעשאַפען געוואָרען דער טרעגער פונ׳ם יודישען פאָלקס־אידעאַל — די ציוניסטישע וועלטאָרגאַניזאַציאָן — און ס׳איז אַרויסגערעדט געוואָרען קלאָר און דייטליך דאָס ציעל פון דער אַרבייט — די געזיכערטע היימשטעטע פאַר׳ן מיעדען פאָלק — קורץ עס איז בעשאַפען געוואָרען די בעוועגונג צום אויפלעבען פון דער יודישער נאַציאָן.

הערצל, אַלס געוועהלטער פּרעזידענט און פיהרער, האָט אָנגעהויבען בעשאַפען די מאַשין, וועלכע וועט ברענגען אין בעוועגונג דאָס יודישע פאָלק די גאַנצע אָרגאַניזאַטאָרישע און פּאָליטישע אַרבייט איז געווען קאָנצעטריערט אין הערצל׳ס הענד. ער האָט אויסגעאַרבעט די אָרגאַניזאַציאָנס־פּראָיעקטען פאַר׳ן ערשטען; דריטען און פינפטען קאָנגרעס. ער האָט געלייטעט די אַגיטאַציאָן אין די לענדער, וואו די אָרגאַניזאַציאָן איז נאָך געווען שוואַך.

די ערשטע צייט האָט ער אַליין אַ סך געשריבען, בעזונדערס, אין דער ענגלישער פּרעססע כדי צו פערשפּרייטען דען ציוניסטישען געדאַנקען. און זיין פיינע פעדער, זיין טיעפער שכל און ברייטער בליק האָבען שטענדיג געהאַט ערפאָלג. גרעסערע רעדען האָט ער געהאַלטען, צווייטאָל נאר אין לאָנדאָן, נאָך׳ן צווייטען און פאַר׳ן פינפטען קאָנגרעס. מיט יעדען יאָהר איז די בעדייטונג הערצל׳ס געשטיעגען. די גרעסטע יודישע לייט, ווי

ישראל זאַנגוויל, מאַקס נאָרדאוי און אַ סך אַנדערע האָבען זיך געבייגט פֿאַר איהם, ווי פֿאַר אַ פֿעלדהער, און געטהון אַלץ וואָס הערצל האָט זיי געהייסען אהן שאלות ומענות, ווי געהאָרזאַמע סאָלדאַטען. און הערצל האָט זיך געהאַלטען מיט דעם שטאָלץ און געלאַסענהייט, וואָס פּאַסען פֿאַר אַ פֿאָרקספֿיהרער. ער פֿלעגט אָבוועגען יעדער וואָרט, אַזוי אַז יעדער אות פֿון זיינע רעדען האָט געקריגען אַ גרויסע בעדייטונג.

זיינע ערעפֿנונגסרעדען פֿלעגען שטענדיג זיין דער גלאַנץ־פונקט פֿון'ם קאָנגרעס. זיי האָבען תמיד אויסגעדריקט דאָס, וואָס אַלע יודישע הערצער האָבען אין דעם מאָמענט געפֿיהלט, גע־עפֿענט נייע וועגען, נייע אויסזיכטען. און אַז דער קאָנגרעס איז געקומען צום סוף, האָט הערצל שטענדיג פֿערשטאַנען מיט אַ קורצען, אָבער שיינעם און שטאַרקען וואָרט אויפֿצוועקען בע־גייסטערונג פֿאַר דער אידעע און לוסט צו אַרבייטען.

זיינע קאָנגרעס־רעדען האָבען אַלע דעמזעלבען פּלאַן. נאָך'ן דאַנק צו דער שטאָדט, וואָס ווייזט איהר גאַסטפֿריינדשאַפֿט דעם קאָנגרעס, פֿלעגט הערצל אַרומרעדען די אַלגעמיינע יודישע לאַגע. ער קלאָגט נישט, נאָר רעדט קלאָר און שטאָלץ פֿון דער עמפּערונג וואָס ערפֿילט אונז „אַז אונזערע ברידער מוזען נאָך לעבען אין אַ זעלכע בעדינגונגען". דאַן ווענדעט ער זיך, ווי אַ נביא, צו די יודען, וואָס פֿערשטעהען נישט דעם ציוניזמוס און זיינע בע־שטרעבונגען, און רופֿט זיי צו דער אַרבייט פֿאַר די ערלעזונג פֿון'ם פֿאָלק. דער וועג פֿון דער ערלעזונג געהט דורך'ן אָפֿפֿען־מודה־זיין, אַז מען איז אַ יוד. „דער ציוניזמוס איז דאָס צוריק־קומען צום יודענטהום, נאָך פֿאַר'ן קומען אין דאָס יודישע לאַנד". דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין איז אַ פֿאָלגע פֿון אָפֿענהערציג־

קייט און עהרליכקייט. דאָס קען אונז נאר מאַכען גוטע פריינד צווישען עהרליכע כריסטען. דער אומשטאַנד, אַז מיר האָבען אַ סך נישט־יודישע פריינד, בעווייזט אויך, אַז אונזער בעוועגונג איז אַ קולטורעלע, וואָס ברענגט מיט זיך נישט דאָס אָבשיידען פון אונזער פאָלק פון דער אַנדערער וועלט, נאָר פערקעהרט, זי ער־וועקט אַכטונג צו די קעמפפער דאָרט, וואו ס'איז ביז אַהער געוועזען נאר פעראַכטונג, אָדער אין'ם בעסטען פאַל — רחמנות. די לעטצטע צייט האָט מען אין איינינע לענדער אָנגעהויבען אונז בעסער צו בעהאַנדלען, אָבער דער געשיכטליכער זינן פון דער גלייכבערעכטיגונג איז נישט, אַז מיר זאָלען פערשווינדען, נאר אַז מיר זאָלען קעמפען פאַר אונזער נאַציאָנאַלע בעפרייאונג. צו דעם צוועק איז בעשאַפען געוואָרען די דאָזיגע טריבונע. און הערצל רעדט אַרום אין קורצע ווערטער דעם ווערטה פון זיין ליעבלינגסקינד, פונ'ם קאָנגרעס. זיין כבוד און ווירדע זענען גע־ווען הערצל'ס גרעסטע זאָרג; און ער האָט נישט דורכגעלאָ־זען קיין איינציגע קאָנגרעסרעדע אהן צו דערמאָנען פון איין זייט דער וועלט, אַז דאָס איז דער איינציגער אמת'ער פערטרעטער פונ'ם יודישען פאָלק, און פון דער אַנדערער זייט די ציוניסטען, ווי הויך זיי מוזען האַלטען די עהרע פון אונזער פאַרלאַמענט. ווי אַלעהרער צו גוטע שילער פלעגט הערצל דאַמאָלס רעדען. „אונזערע רייד קריגען נישט בעדייטונג דורך אַ אויסערע מאַכט: זאָלען זיי דעריבער האָבען עפּיס אַ ווערטה, קען עס נאר קומען פון דער אינערליכער מאַכט פון דער אידעע"... דעריבער „זאָל דער קאָנגרעס דער בעל־בית פון זיינע דעבאַטען זיין", זאָל זעהען צו ברענגען קלאָרהייט איבער אונזערע בע־שטרעבונגען און פערשטענדניס פאַר אונזער געדאַנקען.

„מיר זענען דא נישט, כדי זיך צו בעשעפטיגען. מיט די

אינערע פֿאָרגעננגע פֿון די לענדער, וואָס מיר זענען זייערע בירגער"... אויב מיר פֿעראייניגען זיך אָבער אין איין וועלטבונד, טהוען מיר דאָס נאָר כדי צו בעהאַנדלען אונזער פֿראַגע, ווי אַ זעלבסט־שטענדיגע פּאָליטישע שאלה, וואָס געהט אָן די יודען פֿון דער גאַנצער וועלט. אונזערע וכוחים זענען אפּפּען, מיר פֿערהיימ־ליכען קיין זאַך נישט, זאָגען עפֿענטליך, אַז מיר קענען מיט דער לאַגע פון אונזער פֿאָלק נישט צופרידען זיין, און „מיר ווינשען... די אינטערנאַציאָנאַלע דיסקוסיאָן. (וכוח). „דא קעמפּפּט אַ פֿאָלק פֿאַר זיינע עקסיסטענץ, עהרע און פֿריי־הייט" און פֿערלאַנגט פֿון דער וועלט, אַז זי זאָל איהם הערען.

די וועלט בעקלאָגט זיך אויף אונז, מען וויל בעווייזען, אַז מיר יודען זענען אַ עלעמענט, וואָס צושטערט אַליץ. מיר ציוניסטען ווילען בויען, דעריבער קענען מיר רעכענען אויף די אונטערשטיצונג פֿון די יעניגע רעגירונגען, וואָס ווילען נישט יאָגען די יודען אין פֿערצווייפֿלונג און פֿיינדשאַפֿט צו זיך. מיר האָבען שוין די פּלענער, מיר האָבען דאָס בוימאַטעריאַל, „עס פֿעהלט אונז נאָר דער בויפּלאַץ".

און אום דעם בויפּלאַץ — דאָס לאַנד ארץ ישראל — צו קריגען, פֿיהרט הערצל אונטערהאַנדלונגען. די פּרטים פֿון זיין אַרבייט וועלען נאָר נאָך 30 יאָהר, בעקאַנט ווערען, אַז מען וועט פֿערעפֿענטליכען זיינע טאָגביכער. דער הויפּט טהייל אָבער פֿון זיינע געדאַנקען, דורך וועלכע ער האָט זיך דערשלאָגען אַז די רעגירונגען זאָלען אָנהייבען סימפּאַטיזירען מיט'ן ציוניזמוס, האָט ער אויסגעדריקט אין זיינע קאָנגרעס־רעדען און אויך אין בעזונ־דערע מאמרים.

צו דעם לאַנד, וואָס דאָס יודישע פֿאָלק בעדאַרף צו זיינער

אויפלעבונג׳ צו ארץ ישראל׳ ציעהען זיך א סך הענד. אלע מלוכות וואלטען געוואלט זיין בעלי־בתים אין דעם וויכטיגען מי־טעלפונקט פון דריי וועלטען׳ וואס האט אזא גרויסע מסחר׳ישע צוקונפט. אבער טאקי דעריבער מוזען אלע פעראינטערעסירטע מלוכות בעגריסען דעם ציוניזמוס׳ ווי א בעוועגונג׳ וואס פערענט־ווערט א טהייל פון דער מזרח־פראגע׳ וואס דערלאזט נישט עס זאל קומען צו צוזאמענשטויסען׳ וואס זענען דא מעגליך. די מלוכות קענען דאס רעכט פון די יודען אויף פאלעסטינא ״אהן קנאה און אהן זארגען אנערקענען׳ דען די יודען וועלען שוין קיין מאל נישט ווערען א פאליטישע מאכט״. (ערעפנונגסרעדע פונ׳ם 2־טען קאנגרעס).

די טירקיי האט איהר לעבענספעהיגקייט נאך אין דער לעטצטער צייט (אינ׳ם קריעג מיט גריעכענלאנד, וואס האט זיך גראד געענדיגט פאר׳ן 2־טען קאנגרעס) בעוויזען. די טירקען זענען קריגעריש׳ טאפפער׳ עהרליך. אבער זיי פעהלען די פעהיגקייטען צו קולטיווירען א לאנד. די פעהיגקייטען אבער האבען די יודען׳ וואס זענען שטענדיג געוועזען גוטע בירגער אינ׳ם טירקישען רייך׳ ״אזוי ווי דער שולטאן איז פאר זיי אויך שטענדיג געוועזען א גוטער הערשער״.

״אונזערע בעמיהונגען זענען אצונד אויף דעם געריכטעט״׳ ערקלערט הערצל אויפ׳ן 3־טען קאנגרעס! ״צו קריגען א טשאר־טער. פון דער טירקישער רעגירונג״... ד. ה. דאס רעכט פריי צו קאלאניזירען ארץ ישראל׳ אויפ׳ן גרונד פון אינערליכער זעלבסט־רעגירונג.

״פאר׳ן געבען פון דעם טשארטער וועלען מיר פערמיטלען דער טירקישען מלוכה גרויסע פארטהיילע״.

הערצל האָט אַזוי פֿון דער קאָנגרעס־טריבונע גערעדט צו דער טירקיי און צו די מלוכות. דיינע רעדען האָבען אָבער גע־האַט אַ גרויסע בעדייטונג, ווייל נאָך זיי זענען געגאַנגען טהאַטען.

אויב דער קאָנגרעס האָט פֿאָרגעשטעלט דאָס ווערק וואָס איז געקומען אַנשטאַט דעם "יודישען פֿערבאַנד" (Society of Jews) איז אַנשטאַט דער "יודישער געזעלשאַפֿט" (Jewish Company) בעשאַפֿען געוואָרען אַ נייע אינסטיטוציאָן, וואָס איהר גרינדונג איז אָנגעזאָגט געוואָרען אין הערצל'ס רעדע אויף'ן 2־טען קאָנ־גרעס — דאָס איז "די יודישע קאָלאָניאַלבאַנק" (Jewish Colonial Trust). זי איז דער געלדאָרגאַן פֿון דער ציוניסטישער בעוועגונג, וואָס דאַרף דינען פֿאַר דער ווירטשאַפֿטליכער בעלע־בונג פֿון פּאַלעסטינאַ. אַזוי ווי די "גרויסע פֿינאַנץ־יודען" זענען געגען דעם ציוניזמוס, מוז די קאָלאָניאַלבאַנק זיין אַ עכטע פֿאָלקס־זאַכע, איהרע אַקציעס זענען דעריבער זעהר קליין געזעצט, כדי מעגליך צו מאַכען "די פֿאָלקס־סובסקריפּציאָן", ווי הערצל רופֿט אינ'ם "יודענשטאַט" דען צוטריט פֿון די מאַסען צו דער אויס־פֿיהרונג פֿונ'ם ציוניזמוס.

אויף'ן 2־טען קאָנגרעס איז די גרינדונג פֿון דער קאָלאָניאַל־באַנק אנגענומען געוואָרען, אויף די אַנדערע צוויי האָט מען אַרומ־גערעדט איהרע תקנות, כדי צו מאַכען זי אויף שטענדיג אָבהענגיג פֿונ'ם קאָנגרעס. נאר נאָך פֿיער יאָהר אַרבייט איז געלונגען אויפֿ־צוקלייבען דען אַכטען טייל פֿונ'ם גרונד קאַפּיטאַל *) און צו עפֿ־נען די טהעטיגקייט פֿון דער באַנק.

אויף דעמזעלבען פֿינפֿטען קאָנגרעס, וואו דאָס איז ער־קלערט געוואָרען, האָט הערצל מיט גרויס קראַפֿט דורכגעפֿיהרט

*) דער גרונדקאפיטאל איז 2 מיליאן פונד שטערלינג.

אויך די גרינדונג פון אַ אַנדערער גרויסער געלד־אינסטיטוציאָן — פונ׳ם "יודישען נאַציאָנאַלפאָנד" קרן קימת לישראל, וואָס איז געווען איינער פון די גרעסטע חלומות פונ׳ם גרויסען יודישען פאַטריאָט פראָפעסאָר הערמאַן שאַפּירא. וואָס עס איז אָבער פאַר הערצל׳ס צייט געווען אַ טרוים׳ אַ שיינער חלום׳ דאָס איז צו זיין צייט׳ נאָך׳ן שאַפען פון אַ אָרגאַניזאַציע און אַ קאָנגרעס געוואָרען אַ מעגליכע זאַך.*)

אַזוי האָט הערצל פאַמעליך אָבער זיכער געפיהרט דעם ציוניזמוס פון איין קאָנגרעס צום אַנדערן. דער יודישער פּאַרלאַמענט איז געוואָרען דער צענטרום פונ׳ם יודישען לעבען. עס איז שוין אַצונד גאָר אונמעגליך פאָרצושטעלען זיך די יודישע געשיכטע אָהן דעם קאָנגרעס. יעדע צוזאַמענקונפט פון די שליחים פונ׳ם יודישען פאָלק איז געוואָרען אַ בלאַט אין אונזער היסטאָריע׳ און די בלעטער זענען געשריבען פון איין האַנד׳ דורכגעדאַכט פון איין קאָפּ. — פון הערצל׳ען. — דאָס פאָלק האָט זיך אָרגאַניזירט און דורך די געלד־אינסטיטוטען בעשאַפען אינסטרומענטען צו דער דורכפיהרונג פון אונזער אידעע.

דערווייל האָט הערצל געאַרבעט אין דעם זין פונ׳ם § ד) פונ׳ם באַזעלער פראָגראַם. נאָך׳ן צווייטען קאָנגרעס איז ער געפאָהרען קיין האַאַג צום פרידענס־קאָנגרעס און האָט דאָרט בעקאַנטשאַפט געמאַכט מיט אַ סך פערטרעטער פון די מלוכות און אָנגעגרייט׳ דעם באָדען צו אונטערהאַנדלונגען. די ערשטע מאַכט׳ מיט וועלכער ער איז געקומען אין פערבינדונג׳ איז געווען

*) דער צוועק פונ׳ם נאַציאָנאַלפאָנד איז דער איינקויף פון ערד אין ארץ ישראל. די פון איהם געקויפטע ערד בלייבט אויף שטענדיג דער אייגענטהום פון דער יודישער נאַציאָן.

דייטשלאַנד׳ וואָס איז אין זעהר פֿריינדליכע בעציהונגען מיט דער טירקיי. דורך זיין שכל און טאַקט איז הערצל געוואָרען אַ גוטער פֿריינד מיט אַ דייטשען גראָסהערצאָג׳ וואָס האָט זיך בעמיהט ביים קיסר ווילהעלם׳ אַז ער זאָל ביי זיין רייזע קיין ארץ ישראל (אין יאָהר 1898) צוגעהמען אין ירושלים אַ ציוניס־טישע דעפּוטאַציע. ווילהעלם האָט איינגעוויליגט׳ און שוין אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל׳ וואו הערצל האָט איהם געשיקט אַ מעמאָראַנדום איבער׳ן ציוניזמוס׳ האָט ער איהם צו זיך איינ־געלאַדען; די אַאוידיענץ האָט געדויערט אַ גאַנצע שעה. הערצל האָט געמאַכט אויף׳ן קיסר אַ שטאַרקען איינדרוק׳ און ער האָט איהם צוגעזאָגט צו אונטערשטיצען דעם ציוניזמוס.

אין ירושלים האָט ווילהעלם עמפּפאַנגען די גאַנצע ציוניסטישע דעפּוטאַציאָן *) און זיך לאַנג מיט איהר אונטער־האַלטען. דאַביי איז אויך געווען דער דייטשער רייכסקאַנצלער גראַף ביולאָוו.

די צווייטע גרויסמאַכט׳ וואָס הערצל האָט איהר פֿער־אינטערעסירט מיט׳ן ציוניזמוס איז געווען ענגלאַנד. אַזוי ווי אָבער אין דעם פֿרייען לאַנד שפּילען די ערשטע ראָלע נישט די מיניסטער׳ נאר די געזעלשאַפֿטליכע מיינונג אַליין׳ האָט דער וועד הפועל בעשלאָסען צו מאַכען דען 4־טען קאָנגרעס אין לאָנ־דאָן. די יודישע בעפֿעלקערונג לאָנדאָן׳ס האָט עמפּפאַנגען די דע־לעגירטע מיט אַ ברייטען און הערצליכען שלום־עליכם׳ און ביי אַ פֿאָלקס־פֿערזאַמלונג מיט 10 טויזענד מענשען האָבען די ענג־לענדער געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען׳ מיט וואָס פֿאַר אַ

---

*) דר. הערצל׳ דר. שניערער׳ דר. באדענהיימער׳ דוד וואלפזאהן׳ אינזש. ויידענער.

ליעבע די יודישע מאַסע האָט געקוקט אויף הערצל'ן. אַזאַ שטורם פֿון בעגייסטערונג, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבען, אַז הערצל איז אַריינגעקומען אין'ם פֿערזאַמלונגס־זאַאַל, האָבען די קאַלטע ענגלענדער שוין לאַנג נישט געזעהען. טויזענדער מענשען האָבען געוואָלט קושען זיינע הענד, זיך צוריהרען צו זיינע קליידער.

דער לאָנדאָנער קאָנגרעס האָט דערגרייכט זיין צוועק: די געזעלשאַפֿטליכע מיינונג ענגלאַנד'ס איז געוואונען געוואָרען פֿאַר'ן ציוניזמוס, און הערצל האָט שוין געקאָנט אויך פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די ענגלישע מיניסטער. די רעגירונג פֿון גראָסבריטאַניען איז טאַקי געוואָרען אַ גוטער פֿריינד פֿון דער ציוניסטישער פּאַרטיי, ווי דאָס וויטער פֿאָרגעקומענע האָט בעוויזען.

די אונטערשטיצונג פֿון דייטשלאַנד און ענגלאַנד האָבען געגעבען הערצל'ן די מעגליכקייט צו זוכען אַ אָננעהערונג מיט דער טירקישער רעגירונג. די אַרבייט איז געוועזן נישט לייכט. מען האָט זיך געמוהט דערשלאָגען, אַז דער סולטאַן זאָל עמפּפֿאַנגען הערצל'ן נישט, ווי אַ פּריוואַט־פּערזאָן נאָר ווי דעם פּרעזידענט פֿונ'ם ועד הפועל, ד. ה. די טירקישע רעגירונג מוז פֿריהער אַנערקענען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ווי אַ מאַכט, מיט וועלכער זי וויל פֿיהרען אונטערהאַנדלונגען. אין מאַי פֿונ'ם יאָהר 1901 איז דאָס געלונגען. *)

---

*) ביי דעם האָט הערצל'ן מיטגעהאָלפֿען דער פּערזענליכער פֿריינד פֿונ'ם סולטאַן, דער געלעהרטער וואַמבערי. (זיעהע "אָסט און וועסט" 1904, Nr. 8) ער דערציילט אויך, אַז דער סולטאַן האָט הערצל'ן "ליעב געקריגען" אַזוי אַז צווישען דער טירקיי און דער ציוניסטישער פּארטיי זענען פֿון דאמאלס אָן אנגעבונדען געווארען גוטע בעציהונגען.

דער סולטאַן האָט אויפֿגענומען הערצל׳ן מיט כבוד און האָט איהם אויסגעצייכנעט מיט אַ גרויסען טירקישען אָרדען (מעדזשידיע). אַזוי איז דער ציוניזמוס געקומען אין דירעקטע בעציהונגען צו דער טירקיי, האָטש פֿערטרעטער פֿון אַנדערע מלוכות האָבען דאָס געוואָלט שטערען. דער דאָזיגער דיפּלאָמאַטישער זיעג האָט אויפֿגעהויבען הערצל׳ס כבוד זעהר הויך, —

הערצל אַליין האָט געהאַלטען, אַז ער האָט אַ גרויסען טהייל פֿון זיין אויפֿגאַבע ערפֿילט. די גייסטיגע פֿערטרעטונג פֿונ׳ם פֿאָלק און פֿון זיין ווילען איז בעשאַפֿען; דער קאָנגרעס און זיין פּרעזידענט וועלען איבעראַל מיט כבוד אויפֿגענומען; עס איז גע־לעגט דער גרונדשטיין צו די צוויי גרעסטע ציוניסטישע געלד־אינסטיטוטען, וואָס שטעלען פֿאָר אונזערע מאַטעריעלע קראַפֿט. זיי צו פֿערגרעסערן און צו שטאַרקען איז די זאַך פֿונ׳ם פֿאָלק און נישט פֿון די פֿיהרער. צווישען דעם קאָנגרעס און די פֿער־אינטערעסירטע מעכטע, דער עיקר מיט דער טירקיי זענען בע־שאַפֿען געוואָרען נאָרמאַלע בעציהונגען; „מיר שטעהען אין אונ־טערהאַנדלונגען — זיי קענען אָבער געלינגען נאר דאַמאָלס, אַז מיר וועלען קענען פֿאַר די רעכטע, וואָס מיר ווילען קריגען, געבען די פֿאָרטהיילע, וואָס מיר זאָגען צו. און הערצל האט געוואַרט, אַז דאָס יודישע פֿאָלק זאָל איהם געבען דורך דער קאָלאָניאַל־באַנק און דורך׳ן נאַציאָנאַלפֿאָנד די נויטיגע מאַטעריעלע קראַפֿט.

מיט די געדאַנקען איז ער אויך געקומען צום 5־טען קאָנ־גרעס. זיין ערעפֿנונגס־רעדע איז געווען קורץ אָבער ענערגיש

ער האָט געוויזען אויף דיא פֿאָרטשריטע פֿונ׳ם ציוניזמוס אינ׳ם גייסטיגען לעבען פֿון אונזער פֿאָלק, און איז איבערגעגאַנגען צו די פּראַקטישע מיטטהיילונגען.

„אין מאי פֿון דעם יאָהר (1901) האָב איך געהאַט די עה־
„רע עמפּפאַנגען צו ווערען אין אַ לאַנגער אַאודיענץ פֿון זיינער
„מאיעסטעט דעם סולטאַן אַבדול־חמיד. די גוטסקייט און
„די הערצליכקייט פֿון דעם עמפּפאַנג האָבען מיך ערפֿילט מיט די
„בעסטע האָפֿנונגען. איך האָב פֿון די רייד און פֿון דעם פֿערהאַל־
„טען פֿון זיינער מאיעסטעט געקריגען די איבערצייגונג, אַז דאָס
„יודישע פֿאָלק האָט אין דעם הערשענדען כליף אַ פֿריינד און
„בעשיטצער. דער סולטאַן האָט מיך ערמעכטיגט דאָס עפֿענטליך
„מיטצוטהיילען.

„זאָלען דאָס אַלזאָ וויסען די יודען פֿון דער גאַנצער וועלט,
„זאָלען זיי אויך פֿערשטעהען, וועלכע אויסזיכטען ליעגען פֿאַר
„זיי אין דער טאַטזאַכע. און זאָלען זיי ענדליך גרייט זיין צו
„דער טהאַט, דורך וועלכע זיי וועלען קענען זיך אַליין העל־
„פֿען און ביטראָגען צום נייען אויפֿבליהען פֿון דער טירקישער
„ממלכה...

„מיר קענען נאר אויפֿבויען די מאַשין, דעם כח קענען מיר
נישט ליפֿערן. די קראַפֿט מוז געליפֿערט ווערען פֿו.נ׳ם
יודישען פֿאָלק, —
„ווען עס וויל דאָס!״

דאָס יודישע פֿאָלק האָט אָבער געוויזען וועניג ווילען זיך
צוצוגרייטען צו דער אַקציאָן, דורך וועלכער עס האָט זיך גע־
קאָנט העלפֿען. די צאָהל פֿון די אנהענגער פֿון דער פּאַרטיי האָט
זיך אַפילו פֿערגרעסערט פֿון טאָג צו טאָג, אָבער די מיטלען צו
דער אויספֿיהרונג פֿונ׳ם ציוניזמוס זענען געבליבען קליין אנטקע־
גען דעם ציעל וואָס מיר האָבען זיך געשטעלט ס׳האָט זיך ווי־
דערהאָלט די אַלטע מעשה. די, וואָס האָבען יאָ געוואָלט

האָבען נישט געקאָנט, און די׳ וואָס האָבען געקאָנט, האָבען נישט געוואָלט... דאָס פֿאָלק האָט געגעבען דער אויפֿגעבויטער מאַשין זעהר ווייניג קראַפֿט.

דער גרויסער בויער און פֿיהרער פֿון דער מאַשין האָט אָבער נישט גערוהט. ער האָט בענוטצט יעדע געלעגענהייט, כדי צו בעווייזען דער יודישער וועלט, אַז דער קאָנגרעס איז דער פֿערטרעטער פֿונ׳ם פֿאָלק, וואָס ווערט אנערקאנט פֿון אַלע רעגירונגען.

די ברענענדע שאלה איז דאַמאָלס געוואָרען די עמיגראַציאָנס־פֿראַגע. אויב אין דער נאַטור פֿונ׳ם גלות ליעגט, אַז יודען זאָלען שטענדיג וואנדערן, האָבען נאָך אויסערע אורזאַכען פֿערגרעסערט די צרה. די רומענישע רעגירונג האָט זיך בעמיהט מיט כל הכחות, כדי אונמעגליך צו מאַכען דאָס לעבען פֿאַר די רומענישע יודען׳ און הונדערט־טויזענדע האָבען ערקלערט, אַז זיי זענען בערייט אויסצוואַנדערן. נאר וואו? ענגלאַנד און אַמעריקאַ האָבען זיך אנגעהויבען מישב צו זיין, ווי אַזוי צו פֿערמאַכען די טהויערן פֿאַר די גרים. די צדקה־חברות זענען געבליבען אהנמעכטיג שטעהען. ״קיין מענש איז רייך און שטאַרק גענוג, כדי איבערצופֿיהרען אַ פֿאָלק״... די ווערטער הערצל׳ס זענען געוואָרען אַ אמת ״דאָס קען נאר אַ אידעע!״ די ציוניסטישע אידעע!

און בשעת דער געשריי פֿון די רומענישע יודען האָט ערשיטערט די וועלט, האָט דער 4־טער ציוניסטען־קאָנגרעס אין לאָנדאָן נאָך איינמאָל ווידערהאָלט די גרויסע וואַהרהייט און געפֿאָדערט פֿונ׳ם פֿאָלק צו געבען זיין קראַפֿט צום אויפֿבויען פֿון אַ היימשטעטע.

אויב אָבער די יודישע גבירים און וואָהלהאַבענדע סוחרים האָבען דאָס נישט געקאָנט פֿערשטעהען, האָט די ענגלישע רעגירונג געוויזען, אַז זי פֿערשטעהט די ציוניסטישע בעשטרעבונגען, און וויל מיט זיי נאהענטער בעקאַנט ווערען. אַז דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט אויסגעקליבען אַ קאָמיסיע צום שטודירען די עמיגראַציאָנספֿראַגע, האָט די פּאַרלאַמענטס־קאָמיסיאָן איינגעלאַדען דר. הערצל'ן, אַלס דעם פּרעזידענט פֿונ'ם קאָנגרעס, כדי אויסצוהערען זיין מיינונג איבער די דאָזיגע פֿראַגע. דאָס איז געווען נאָך'ן 5־טען קאָנגרעס, אין חודש יוני 1902.

דר. הערצל איז נישט געווען קיין ענגלישער בירגער, ער איז אויך נישט געווען אַ שפּעציאַליסט אין עמיגראַציאָנספֿראַגען. ער איז איינגעלאַדען געוואָרען דעריבער, ווייל די אַרבייטען פֿון דער קאָמיסיע האָבען געהאַט אַ גרויסע שייכות צו די יודישע איינוואַנדערער, און די ענגלענדער האָבען געוואָלט דעריבער אויסהערען אַ פֿערטרעטער פֿונ'ם יודישען פֿאָלק. און אַלס אַ זעלכען האָבען זיי איינגעלאַדען הערצל'ן.

דר. הערצל האָט גערעדט דערפֿון, אַז ס'איז ווייניג צו פֿערמאַכען פֿאַר יעמיצען דעם טהויער, נאַר מען מוז איהם אויך ווייזען וואו אַהין צו געהען. בעזונדערס פּאַסט נישט פֿאַר דאָס פֿרייע ענגלאַנד, צו טרייבען פֿון זיך אָרימע, פֿערפֿאָלגטע יודען. מען מוז פֿאַר זיי שאַפֿען אַ עמיגראַציאָנס־צענטרום. צו דעם שטרעבט דער ציוניזמוס, ער איז די בעסטע תשובה אויף די פֿראַגע, וואָס די קאָמיסיע האָט מיט איהר צו טהון.

אַלע ענגלישע פּאָליטיקער האָבען געפֿונען, אַז הערצל'ס מיינונג איז די טיפֿסטע. גרויס איז געווען דער כבוד מיט וועלכען מען האָט איהם עמפֿאַנגען, און איינער פֿון די גרעסטע ענגלישע

פאָליטיקער, טשעמבערלען, איז געוואָרען אַ גוטער פֿריינד הערצל׳ס.

באַלד נאָכדעם האָט ענגלאַנד נאָך איינמאָל געוויזען איהר צוטרויען צו דער ציוניסטישער פּאַרטיי: זי האָט געגעבען דער ציוניסטישער פֿעדעראַציאָן אין דרום־אַפֿריקא דאָס רעכט, צו ווידירען פּעסע פֿון יודישע עמיגראַנטען (אַ רעכט, וואָס האָבען קאָנסולען).

אַזוי איז די ציוניסטישע פּאַרטיי געוואָרען צום פּאָליטישען פֿאָרשטעהער פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק. מען האָט אנגעהויבען בעהאַנדלען יודען׳ ווי אַ קראַפֿט, מיט וועלכער מען רעכענט זיך די יודישע פֿראַגע איז געוואָרען אַ וועלטפֿראַגע.

דאָס אַלץ האָט בעשאַפֿען טהעאָדאָר הערצל דורך זיין טהעטיגקייט.

V.

די אונטערהאנדלונגען הערצל׳ס מיט דער טירקיי אין יאָהר 1902. הערצל אונטערהאנדעלט וועגען ועד־על־עריש מיט דער עגיפּטישער רעגירונג. דער פֿאָרשלאַג ענגלאנד׳ס. די רייזע קיין רוסלאנד. דער זעכסטער קאָנגרעס און אוגאנדא. ״אלטניילאנד״.

געוועהנליכע מענשען פֿיהלען נאָך יעדער שווערער אַרבייט דעם וואונש זיך אויסצורוהען, זיי ווערען מיד און מאַט. הערצל האָט גאר נישט פֿערשטאנען, וואָס הייסט זיך פֿערמאַטערן; זיין רצון איז מיט יעדער אנשטרענגונג געוואָרען שטאַרקער, וואָס שווערער די ארבייט איז געווען, אַלץ גרעסער איז געוואַקסען הערצל׳ס אייזערנער קראַפֿט. די לעטצטע דריטהאַלבען יאָהר

פֿון זיין לעבען האָט ער געארבעט מיט א איבערמענשליכער גע־דולד און דאַביי מיט אַ האסט, וואָס האָבען איהם אַלץ מעהר אויפֿגעהויבען צו דער מדרגה פֿון אַ גבור. וואָס דאָס יודישע פֿאָלק האָט שוין לאַנג נישט געהאַט.

די פֿינפֿיאהריגע טהעטיגקייט הערצל'ס האָט איהם גע־מאַכט צום פֿאָרשטעהער פֿון דער יודישער פֿאָלקסמאַכט. די מאַכט איז אפשר נישט געוועזן אַזוי גרויס, אַז מען זאָל קענען רעכענען אויף אַכטונג, נאר וואו ס'האָט געפֿעהלט כח, דאָרט האָט גע־ווירקט הערצל מיט זיין גאוניות און מיט זיין געוואַלטיגען גלויבען אין אונזערע כחות, וואָס ער האָט פֿערשטאַנען איינצופֿליסען אויך אַנדערע. נאר אויף אַזאַ אופן קען מען ערקלערן די גרויסקייט פֿון דעם וואָס ער האָט ערייכט.

אין יאָהר 1902 איז הערצל צוויי מאָל געפֿאָהרען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. ביידע מאָל איז ער איינגעלאַדען געוואָרען פֿונ'ם סולטאַן און עמפּפֿאַנגען געוואָרען מיט דעם גרעסטען כבוד. ער האָט געפֿיהרט לאַנגע אונטערהאַנדלונגען מיט דעם גרויס־וועזיר און פֿאָרמולירט די ציוניסטישע פֿאָרדערונגען. אפילו ביי־דע צדדים זענען נאָך נישט געקומען לידי גמר, האָט די גאַנצע וועלט אנערקענט, אַז דר. הערצל איז געקומען אַ סך נאהענטער צום ציעל.

דער סולטאַן האָט זיך בערייט ערקלערט צוצולאָזען אַ יודישע גרויסקאָלאָניזאַציאָן אין עטליכע געטהיילטע חלקים פֿון זיין ממלכה. אַזוי ווי דאָס האָט אָבער נישט געשטימט מיט דעם באַזעלער פּראָגראַם, האָט הערצל נישט אנגענומען די קאָנ־צעסיעס, וואָס מען האָט איהם געמאַכט. „מיר קענען אַ סך מעהר האָפֿפֿען, אַז די טירקישע רעגירונג וועט פֿאָלשטענדי־

פֿערשטעהען דען נוטצען, וואָס אַ געאָרדנעטע און געזיכערטע קאָ־לאָניזאַציאָן פֿון יודען נאָך אונזער פּראָגראַם קען ברענגען. פֿאַר דעם מאָמענט מוזען זיך פֿאַרבערייטען די ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציעס: די אַגיטאַציאָן מוז אָהן אַ אויפהער געפֿיהרט ווערען, און די מאַטעריעלע מיטלען מוזען געזאַמעלט ווערען"...

נאָר איין הערצל האָט זיך געקאָנט אָבזאָגען פֿון קלע־נערע רעכטע, בשעת ער האָט געשטרעבט צו גרויסע. ער איז געווען איבערצייגט אַז די טירקיי וועט מיט דער צייט פֿער־שטעהען די קראַפֿט פֿונ'ם ציוניזמוס, און האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען. — דערווייל האָט ער געזוכט מיטלען, כדי האָטש אַ ביסעל צו היילען די וואונדען, וואָס דאָס יודישע פֿאָלק האָט געקריגען. די עמיגראַציע האָט אַליין מעהר צובערעקעלט די פֿאָלקס־כחות, און ס'איז נאָך געקומען די געפֿאהר פֿון איינ־פֿאָהרפֿערבאָט. און אויסער דעם פּאַמעליכען שוואך־ווערען, האָ־בען זיך אנגעהויבען צו שיטען קלעפּ פֿון אַלע זייטען, ווי קי־שינוב און זאַבלאָטאָב. דר. הערצל האָט געוואוסט, אַז די גאַנצע וועלט וואַרט אויף אַ תשובה פֿון דער ציוניסטישער פּאַרטיי. ער האָט אָבער נישט געוואָלט געבען אַ קליינע און שוואַכע אַנט־וואָרט, ווי די צדקה־חברות. די תשובה האָט געמוזט זיין אינ'ם זין פֿון דעם „יודענשטאַט". אין סוף יאָהר 1902 האָט ער זיך געווענדעט צו דער ענגלישער רעגירונג וועגען אַ טשאַרטער אויף דעם חלק פֿון א"י, וואָס געהערט צו עגיפּטען און הייסט ועדי־על־עריש. די ענגלישע רעגירונג האָט זיך ערקלערט בערייט, צו אונטערשטיצען איהם דאַבֿיי, דער משא־ומתן האָט אָבער געמוזט גע־פֿיהרט ווערען מיט דער עגיפּטישער רעגירונג אַליין. אנהייב יאָהר 1903 איז שוין הערצל געווען אין קאַהיראָ, בשעת אַ

ציוניסטישע עקספּעדיציאָן האָט אונטערזוכט דאָס לאַנד, האָט דער ענגלישער קאָלאָניאַל־מיניסטער טשעמבערלען געמאַכט הערצל׳ן אַ פֿאָרשלאַג פון אַ טשאַרטער אויף אַ שטיק לאַנד אין אַפֿריקאַ. און דא האָט זיך הערצל ווידער געוויזען אין זיין גאַנצער גרויסקייט: דער פֿאָרשלאַג האָט נישט געשטימט מיט׳ן באַזעלער פּראָגראַם, ער האָט געהאָפֿט, אַז ועד־על־עריש וועט טויגען פֿאַר אַ קאָלאָניזאַציע און האָט זיך אָבגעזאָגט פֿונ׳ם ענגלישען פֿאָרשלאַג.

אַז די עגיפּטישע רעגירונג האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט צו בעוועסערן די וויסטע לאַנד און די ענגלישע רעגירונג האָט נאָך אַמאָל געמאַכט איהר פֿאָרשלאַג, צו געבען אַ טשאַרטער אויף אַ לאַנד אין אַפריקאַ — אוגאַנדא — דאַמאָלס האָט הערצל נאָך דערצו אונטער׳ן איינדרוק פֿונ׳ם קישינובער פּאָגראָם, זיך ענטשלאָסען פֿאָרצולייגען דאס דעם קאָנגרעס.

אַזוי איז צום ערשטען מאָל אין דער געשיכטע פֿונ׳ם יודישען גלות געמאַכט געוואָרען אונזער פֿאָלק דער פֿאָרשלאַג צו בעזעצען אַ לאַנד מיט נאַציאָנאַלע רעכטע.

אין דעם יאָהר איז אויך ערפֿילט געוואָרען דער וואונש הערצל׳ס צו זעהען אַ מאָל דען יודישען לעבען אין רוסלאַנד. אויסערדעם האָט רוסלאַנד נישט איינמאָל געשטערט זיין אַרבייט אין קאָנסטאַנטינאָפּעל, און אויך אנגעהויבען צו פֿערפֿאָלגען די רוסישע ציוניסטען. עס איז דעריבער נויטיג געווען צו קומען אין דירעקטע בעציהונגען צו דער פּעטערבורגער רעגירונג.

ער האָט זיך נאָך נישט אויסגערוהט פֿון זיינע רייזען קיין לאָנדאָן, ווי ער האָט געקריגען די איינלאַדונג פֿונ׳ם רוסישען מיניסטער צו קומען קיין פּעטערבורג (אין יולי 1903). די

אונטערהאַנדלונגען האָבען זיך געקאָנטשעט מיט׳ן צוזאָג פון דער רוסישער רעגירונג צו אונטערשטיצען די ציוניסטישע עמיגראַציע און די בעמיהונגען אין קאָנסטאַנטינאָפעל.

ווי אַ נישט געקרוינטען מלך האָבען די רוסישע יודען עמפפאַנגען דעם געליעבטען פיהרער. מען האָט גערעדט און גע־שריבען די גאַנצע וואָך פון זיין וויילען אין רוסלאַנד און אַ לאַנגע צייט נאָך דעם, נאר פון איהם. „בהיר העם״, דער אויס־ערוועהלטער פונ׳ם פאָלק, האָט מען איהם גערופען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ טאָג אין ווילנא. טויזענדער מענשען יונג און אַלט, מיט אַ מעכטיגען „הידד״ האָבען געפילט די גאַ־סען, וואָס דר. הערצל איז דורכגעפאָהרען. אַלטע לייט זענען נאָכגעלויפען נאָך׳ן וואָגען, כדי צו זעהען דעם אונערמידליכען מאַנן. — אין דעם זאַאל פון דער חברה „צדקה גדולה״ האָבען איהם ערוואַרטעט די פאָרשטעהער פון דער שטאָדט ווילנא און דעפוטאַציאָנען פון אַנדערע שטעדט. די שטאָדט האָט איהם געשענקט צום אַנדענקען אַ ספר תורה. — אויף יעדער שטאַ־ציאָן ביז צו דער גרענצע האָבען איהם ערוואַרטעט הונדערטער מענשען. הערצל האָט זיך איבערצייגט, ווי גרויס עס איז די ליעבע צו איהם און די האָפנונגען, וואָס ער ערוועקט אָהן ווער־טער, נאָר דורך זיין פערזאָן און זיינע טהאַטען.

מיט אַ דין וחשבון פון אַ פרוכטבאַרער אַנדערהאַלביאָהד־ריגער טהעטיגקייט און מיט אַ געפיהל פון פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי שווער, ווי אין דעם מאָמענט, איז הערצל געקומען צום 6־טען קאָנגרעס. אויב אַלע האָבען שטענדיג בעוואונדערט זיין רוהע און קראַפט, מיט וועלכע ער האָט געפיהרט אַזאַ גרויסע און פיעלשפראַכיגע

אספה, זיינע קאַלטבלוטיגקייט אויף דעם קאָנגרעס, זיין מעכ־
טיגער איינפלוס אויף הונדערטע מענשען אפילו ביי דער גרעס־
טער אויפרעגונג, האָבען דעם מאָל נאָך מעהר איבערראשט און
געצויגען צו זיך. די ליידענשאַפטליכקייט פון די וכוחים און פון
די בעשולדיגונגען, וואָס עטליכע קליינע מענשעליך האָבען געמאַכט
אויף'ן 6־טען קאָנגרעס געגען דעם גרויסען פיהרער, איז אונבע־
שרייבליך מען האָט איהם פערדעכטיגט אַז ער האָט
אויפגעהערט צו אַרבייטען פאַר ארץ ישראל. די קליינע
מענשען און גרויסע שרייערס האָבען אפשר אַליין נישט גע־
וואוסט, ווי טיעף איז די וואונדע, וואָס זיי האָבען געמאַכט אין
דר. הערצל'ס האַרץ... פערלאַכט פון זיינע פריהערע פריינד,
פערשפּאָטעט פון שונאים, וואָס האָבען איהם בעשולדיגט אין
אהבת הכבוד, אין וועלען ווערען אַ „יודישער מלך", האָט דר.
הערצל שטענדיג געפונען טרייסט און כח אינ'ם בעוואוסטזיין
פון זיין עהרליכקייט און אינ'ם צוטרויען פונ'ם יודישען פאָלק.
די קליינסטע פערזענליכע בעשולדיגונג, דער קליינסטער ספק אין
דער ריכטיגקייט פון זיין איבערצייגונג פון ציוניסטישער זייט האָט
איהם טיעף געקרענקט, און בעליידיגט. ער האָט דאָס אָבער
נישט אַרויסגעוויזען, און היטענדיג די עהרע פונ'ם קאָנגרעס, איז
ער געווען אפשר דער איינציגער, וואָס האָט נישט פערלאָרען
די רוהע אויף דעם „שווערען און גרויסען קאָנגרעס".

„איך מוז מיין געוויסען בעפרידיגען" האָט ער געזאָגט צו
זיינע חברים פונ'ם ועד הפועל, וועלכע האָבען איהם געבעטען
אראָבצונעהמען אוגאַנדאַ פון דער טאָגעסאָרדנונג פונ'ם קאָנ־
גרעס. ער האָט נישט געהאַלטען פאַר מעגליך צו פערוואַלטען
פונ'ם יודישען פאָלק אין אַזאַ שווערען מאָמענט אַזאַ וויכטיגע
הצעה, און ער האָט זי דורכגעפיהרט. דער בלבול הדעות איז

שוין אָבער אַזוי גרויס געווען, אַז עטליכע צוהיטצטע קעפּ האָ־ בען געוואָלט תיכף ומיד ברענגען צו אַ טהיילונג אין דער פּאַרטיי. הערצל'ס פּעסטע האַנד האָט דאָס פּאַרהיט. און כדי צו בע־ רוהיגען די גייסטער, אַז דאָס באזעלער פּראָגראַם איז אין קיין מאָמענט נישט פּערגעסען געוואָרען, האָט דער פּיהרער געמוזט ביי זיין שלוסוואָרט ווידערהאָלען די אַלטע יודישע שבועה. די שטראַהלען פון דער אונטערגעהענדער זון האָבען בעלייכטעט די הויכע פּיגור הערצל'ס. ער האָט אויפגעהויבען זיין רעכטע האַנד און געשוואָרען, „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני...

אַזוי האָט זיך געקאָנטשעט דער קאָנגרעס, וואָס איז געווען דער לעטצטער פאַר דעם, וואָס האָט איהם בעשאַפען.

* * *

אויב הערצל האָט צוליעב דער שווערער דיפּלאָמאַטי־ שער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבייט, נישט געקאָנט זיך אינטע־ רעסירען מיט דער אַגיטאַציאָן, וואָס מוז געפיהרט ווערען אין אַ גרויסער פּאַרטיי אלע טאָג, אויב ער האָט די לעטצטע צוויי יאָהר נישט געהאַלטען קיין אַגיטאַציאָנסרעדען — פון דעסט־ וועגען האָט ער אויף אַ אַנדער אופן זיך בעמיהט צו פּערשפּריי־ טען דען ציוניסטישען געדאַנקען. ער האָט אין אָנהייב פון'ם יאָהר 1903, זיעבען יאָהר נאָך'ן אויפשרייבען פון'ם „יודענשטאַט" פּערעפּענטליכט אַ נייעם ווערק: „אַלטניילאַנד". אין אַ לייכטער און פערשטענדליכער פאָרם פון אַ ערצעהלונג, שילדערט הערצל ווי דאָס אַלטע לאַנד ארץ ישראל, ווערד ניי, לעבעדיג. אַלע כחות פון'ם יודישען פאָלק אָרגאַניזירען זיך, כדי מיט דער הילפע פון אַלע וויסענשאַפטליכע ערפינדונגען אויפצווועקען די איינגעשלאָ־ פענע קרעפטע פון אַ אַלטער, אָבער רייכער לאַנד. אַ גאַנצע

אַרמעע פֿון אינזשענערען בויט שטעדט מיט גאַסען און הויזער, פֿיהרט איין באַהנען און עלעקטרישע בעלייכטונג. אַלע לענדער מיט זייערע פּראָדוקטען העלפֿען ביי דער אַרבייט. אויסטראַליען גיט אוקאַליפּטוס־בוימען, כדי אויסצוטריקענען די זומפּפֿיגע געגענדען, אַמעריקאַ זאָמען פֿאַר תבואה, דייטשלאַנד מאַשינען צו ערד־אַרבייט, קורץ, אַלע טעכנישע כחות פֿון דער גאַנצער וועלט דיענען דער אויפֿלעבונגס־אַרבייט. די וויסטע לאַנד ווערד אַ גן־עדן. דאָס איז אַלץ מעגליך, נאר ווען דאָס יודישע פֿאָלק וויל דאָס. דער ווילען איז דער עיקר. „אויב איהר ווילט, איז דאָס נישט אַ בבא־מעשה!״ זענען די ערשטע ווערטער פֿונ׳ם בוך. יעדער מענשליכער חלום קען פֿערווירקליכט ווערען. טרוים און ווירקליכקייט זענען נישט אַזוי וויט איינס פֿונ׳ם אַנדערן. אַלע מענשליכע טהאַטען זענען פֿריהער אַ חלום, און ווערען אין די שפּעטערע צייטען ווידער אַ חלום...

און אַז מען לעזט דורך די צוויי הערצל־ביכער, וואָס זענען אָבגעטהיילט מיט אַ צייט פֿון זיבען יאָהר, און פֿערגלייכט זיי — זעהט מען, אַז הערצל האָט געהאַט דאָס רעכט אַזוי צו דענקען. דאָס וואָס אינ׳ם „יודענשטאַט״ איז אַ חלום — פֿאָלקס־אָרגאַניזאַציאָן, פֿאָלקס־פֿיהרונג, יודישע פֿאָלקספּאָליטיק, איז ביים אויפֿשרייבען פֿון „אַלטניילאַנד״ שוין געווען אַ לעבעדיגער אמת. אַז „אַלטניילאַנד״ זאָל נישט ווערען אַ שטאַטסראָמאַן, אַ אוטאָפּיע, אַזוי ווי דער „יודענשטאַט״ איז דאָס נישט געוואָרען, דאָס הענגט אָב נאר פֿונ׳ם פֿאָלקסווילען.

.VI

הערצל'ס קראנקהייט. ארבייט אהן א אויפהער. הערצל אין רום. מען פערוואַרפט מיט שמוטץ. די לעטצטע אספה. דאס הארץ הערט אויף צו שלאגען. דער לעטצטער וואונש. נשיא הגולה.

נאר נאָך'ן קאָנגרעס האָט זיך געוויזען, אַז הערצל האָט דורכגעמאַכט אַ איבערמענשליכע אנשטרענגונג; אפילו זיין גבורי'שע נאַטור האָט נישט אויסגעהאַלטען. ער איז געוואָרען קראַנק. — שוין אין לאָנדאָן אין יאָהר 1902, בשעת ער איז געפאָהרען צו דער פרעמדען־קאָמיסיאָן, האָט ער זיך צוגעקיהלט עס האָבען זיך געוויזען צייכען פון אַ האַרץ־קראַנקהייט: ער איז נאָך נישט געווען קראַנק, אָבער ער איז שוין געווען נישט געזונד. די דאָקטוירים האָבען איהם פערבאָטען צו אַרבייטען. ער האָט אבער נישט נאר אָבגעגעבען אַלע זיינע כחות דעם ציוניזמוס, נאר אויך געאַרבעט פאר זיין חיונה, אַלס שריפטשטעלער. מען האָט איהם, כדי אַראָבצונעהמען פון איהם די ברויטזאָרגען, פאָרגעלעגט צו נעהמען שכר פון דער פאַרטיי, אַזוי ווי עס ווערען בעצאָהלט אַלע מיניסטער פון אַ ממלכה. ער האָט אָבער געענטווערט אַז איין קרבן קען ער נישט ברענגען דער בעוועגונג — דאָס איז זיין זעלבסשטענדיגקייט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז יעמיצער זאָל איהם אַמאָל אויפוואַרפען, אַז ער האָט געלעבט נישט נאר פאַר'ן ציוניזמוס, נאר אויך פון איהם. אַז זיינע פריינד האָבען איהם פערזיכערט, אַז קיינער וועט דאָס נישט וויסען, האָט ער געענטווערט (אין אַ בריעף צו זאַנגוויל'ן), אַז פון איינעם וועט ער דאָס נישט קענען פאַרבעהאַלטען, פון זיך אַליין! אַזוי האָט ער געאַרבעט צו 16 שעה אַ טאָג, צושטערענדיג זיין געזונד.

ער האָט זיך אינטערעסירט פֿאַר אַלע קליינינגקייטען אין דער בעוועגונג. ער פֿלעגט ענטווערען אויף׳ן קליינסטען בריעף, וואָס איז געקומען אינ׳ם קאָנגרעס־ביורא, און עמפֿאַנגען יעדער׳ן, וואָס האָט איהם געוואָלט זעהען. פֿאַר׳ן ציוניזמוס איז ביי איהם נישט געווען קיין צו קליינע זאַך, אַזוי ווי ער האָט נישט פֿער־שטאַנען, וואָס הייסט צו שווער. אַזוי איז דאָס געקומען אַז זיין הארץ האָט אנגעהויבען אונרעגעלמעסיג צו שלאָגען, דאָס גרעס־טע הארץ ביים יודישען פֿאָלק.

שוין אַ קראַנקער האָט ער ווייטער אונטערהאַנדעלט מיט דעם גרויס־וועזיר, געעפֿענט אַ אָבטהיילונג פֿון דער קאָלאָניאַל־באַנק אין ירושלים, געזעהען אַז די „פּאַלעסטינישע האַנדעלס־געזעלשאַפֿט״ זאָל געגרינדעט ווערען. אין מערץ פֿון 1904 (אדר תרס״ד) איז ער געפֿאָהרען קיין רום און עמפֿאַנגען גע־וואָרען פֿונ׳ם איטאַלענישען קעניג און דעם פּאַפּסט. ער האָט פֿון ביידע מעכטע, וואָס שפּילען אַזאַ ראָלע אין דער מזרח־פֿראַגע, און בפרט אין דער ארץ־ישראל־פֿראַגע, געקריגען בע־פֿרידיגענדע צוזיכערונגען, וועגען זייער האַלטונג צום ציוניזמוס.

דר. הערצל איז געווען דער ערשטער יוד, וואָס איז עמפֿאַנגען געוואָרען פֿונ׳ם פּאפּסט, אלס פֿאָלקספֿערטרעטער.

בשעת דר. הערצל האָט אַזוי ווייטער אָהן אַ אויפֿהער געאַרבעט, כדי צו ערמעגליכען אַ זיכערע יודישע קאָלאָניזאַציאָן אין א״י, האָט אַ גרופּע פֿון מענשען זיך בעמיהט צו פֿערקליי־נערען זיין אנזעהען אינ׳ם יודישען פֿאָלק. די ליעבע צו ארץ ישראל האָט מען גענומען צום מיטעל געגען דעם, וואָס האָט זיין בלוט און מוח אָבגעגעבען פֿאַר דאָס לאַנד. און מענשען, וואָס האָבען ביז אַהער נאר גערעדט וועגען דעם, האבען

אנגעהויבען צו פערוואַרפען מיט שמוטץ און בלאָטע זייער פעלדהערר. אין מיטען דער מלחמה האבען איהם בעשולדיגט אין בגידה, עטליכע פון זיינע פריהערע חברים...

עס איז די זאַך פון׳ם געשיכטס־שרייבער פון׳ם ציוניזמוס ארומצוזעצען אויספיהרליך דען קאַמפף, וואס איז ענטשטאַנדען צוליעב דעם אין דער פאַרטיי. פאר אונז איז נאר וויכטיג, אז הערצל האט אויף דעם געקוקט, ווי אויף א קאמפף געגען זיין פערזאָן. און אפילו די גאנצע ציוניסטישע פארטיי האט מיט פעראכטונג פראטעסטירט געגען די שמוטציגע בעשולדיגונגען, אפילו ער אליין האט נישט דערלאזען, אז מען זאל ארויס־שטויסען זיינע געגנער פון דער ארגאניזאציע, פון דעסטוועגען האט ער נישט געקאנט פערגעסען, אז זיינע מיטארבייטער האָ־בען געארבעט געגען איהם און געוואלט איהם ערנידריגען.

אויף דער אספה פון׳ם גרויסען ועד הפועל (אין חודש אפריל) האט ער דער ערשטער דערלאנגט די האנד צום שלום. פעסט און ענערגיש האט ער געפיהרט די פערזאמלונג, און קיי־נער וואלט נישט געגלויבט, קוקענדיג אויף׳ן שטארקען מאן, אז זיין הארץ איז שוין טויט־קראנק.*)

נאך דער אספה איז שוין הערצל נישט ארויפגעשטאנען פון בעט. ער האט אבער ביז׳ן לעטצטען מאמענט געפיהרט די ארבעט, געלעזען בריעף און געענטווערט אויף זיי. זיין קאפ איז געווען פול מיט פלאנען, און דאס הארץ מיט ליעבע צום

---

*) הערצל האט געפיהרט די זיטצונגען האבענדיג איין קאמפרע־סען אויף דער ברוסט.

פֿאלק און צום לעבען, „נאר געזונד ווערען! וואס פֿאר א לעבען דאס וועט דאמאלס זיין״! פֿלעגט ער זאגען צו זיינע פֿריינד די לעטצטע וואָך האָט ער שוין געפֿיהלט, אַז זיינע טעג זענען געצײלט. ער האָט שווער געליטען, נישט געקאָנט אָטהמען. ער האָט אומזיסט געזוכט לופֿט, זיין האַרץ האָט שוין נישט געקאָנט אַרבייטען. ער האָט געהאַט, זאָגט איין יודישער שריפֿט־שטעלער די קראַנקהייט פֿונ׳ם יודישען פֿאָלק — ס׳האָט געפֿעהלט לופֿט!

ער פֿלעגט נישט קאָנען שלאָפֿען; און אַז ער פֿלעגט איינדרימלען אויף עטליכע מינוט מיט אַ אונרוהיגען שלאָף, האָט ער געחלומ׳ט פֿון בילדער פֿון דער פערגאַנגענהייט. איהם פֿלעגט זיך דאַכטען זיין שטאָלץ און ליעבלינגסקינד — זיין קאָנגרעס — און ער הייבט אויף די האַנד, וואָס פֿלעגט האַלטען דעם מעכטיגען האַמער פֿונ׳ם פרעזידענט, און זאָגט עטליכע מאָל: „רוהע!״

דאָס לאַנד, אין וועלכע „ער האָט זיך פֿערליעבט״, ארץ ישראל, חלומ׳ט זיך איהם מיט׳ן ריינעם בלויען הימעל, און ער ווייזט מיט דער האַנד און זאָגט פֿון שלאָף: „די דריי שטיק ערד מוזען געקויפֿט ווערען!״ אפשר האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט אויך זיין בוים, וואָס ער האָט פֿערפֿלאַנצט אין ארץ ישראל מיט זיינע אייגענע הענד. „היט איהם״, האָט ער דאמאָלס געזאָגט צום יודישען בויער, וואָס ער האָט געזאָלט זאָרגען פֿאַר׳ן בוים: אונטער דעם בוים וויל איך רוהען, אַז איך וועל אויף שטענדיג קומען אין דאס יודישע ארץ ישראל״. — ס׳איז איהם נישט געווען בעשערט. אין דער פֿרעמד האָט געמוזט שטאַרבען דער פֿיהרער. ער האָט געוויזען דען וועג, נאר אַליין האָט

ער נישט געקאָנט מעהר געהען. זיין הארץ האָט אָבגעגעבען דאָס גאַנצע בלוט. א האַלבע שעה פאַר'ן טויט האָט ער זיך נאָך געשטאַרקט, כדי די מוטער, וואָס איז געקומען, זאָל נישט זעהען, אַז ער איז שווער קראַנק. ער האָט זיך רוהיג געזעגענט מיט זיין פאַמיליע, און מיט אַ שטילען זיפץ אָבגעגעבען די נשמה.....

הערצל איז געשטאָרבען! ה ע ר צ ל, דער איינציגער, דער געליעבטער, דער ריינער און שטאַרקער איז מעהר נישט דא!.. אָט דער שמערצליכער געשריי האָט זיך דערהערט אינ'ם גאַנ־צען יודישען פאָלק. אין טיעפסטער טרויער האָבען מיליאָנען יודען געקוקט אויפ'ן פיהרער און העלד.

זייט רמב"ם'ס טויט איז די אבלות נאָך קיינמאָל נישט געוועזען אַזוי גרויס און אַלגעמיין. איבער טויזענד דעפּוטאַציעס פון ציוניסטישע אָרגאַניזאַציאָנען און גאַנצע קהלות זענען געקו־מען צו דער בעערדיגונג. ס'איז כמעט נישט געוועזען קיין יודישע שטאָדט, וואָס ס'זאָל נישט שיקען אַ טרויסט־טעלעגראַמע צום ועד הפועל. הערצל'ס טויט איז געוואָרען צו אַ אמת'ער פאָלקס־טרויער.

„איך וויל בעגראָבען ווערען נעבען מיין פאָטער, ביז דאָס יודישע פאָלק וועט מיך איבערפיהרען קיין ארץ ישראל" — דאָס איז געוועזען דער לעטצטער וואונש דר. ה ע ר צ ל'ס אין זיין צוואה. און ביז צו דער צייט, ווען דער קאָנגרעס וועט בעשלי־סען צו בעגראָבען דעם גרעסטען יודישען פאַטריאָט אין דעם יודישען לאַנד, פאַר וועלכעס ער האָט געלעבט און געאַרבעט, ביז צו יענער צייט רוהט דר. ט ה ע א ד א ר ה ע ר צ ל אויפ'ן דעבלינגער בית עלמין ביי ווינן, נישט קיין מאַרמאָרנע מצבה,

נאר עטליכע פשוטע שטיינער מיט אויסגעקריצטע מגן־דוד׳ן בעצוימען דעם קבר און א קורצע אויפשריפט — „הערצל״ — זאגט ווער עס רוהט אויף עוויג אויף דעם ארט.

* *

*

צוויי זאכען, גרויסע און אונשטערבליכע, האט הערצל געוויזען דער יודישער און נישט־יודישער וועלט. ער האט געוויזען, ווי מען „מאכט פון אונזער גרעסטען שמערץ — אונזער גרעסטען גליק״; ווי מען קומט צו דעם, אז מען הערט אויף צו פיהלען „די נויט צו זיין א יוד״ אלס א שמערץ, נאר מען הייבט דאס אן צו פיהלען, אלס „דען גליק פון דער אינערליכער פרייהייט״. אזא ענדערונג, אזא גייסטיגע רעוואלוציע קען נאר מאכען א „אונגעוועהנליכער געדאנקע״ א אידעאל. און אזא געוואלטיגע אידעע פון אויפלעבונג האט הערצל געפונען און געמאכט צום צוועק פון זיין לעבען. ער האט געוויזען, ווי מען קומט צוריק צו זיין פאלק.

די אנדערע טהאט האט ער געוויזען דעם פאלק, ווי אזוי מען קאן ברענגען דערצו, אז די שוואכסטע אונטערדריקטעסטע נאציאן זאל אויך קריגען א שטימע און די מעגליכקייט צו פאָרדערן נאציאנאלע רעכטע אין דעם „ראטה פון די פעלקער״. ער האט געוויזען, ווי מען מאכט פון דער שרעקליכסטער נויט א געאכטעטע פאלקסמאכט. ער האט דער ערשטער בעשאפען און געפיהרט א יודישע פאליטיק. ער

איז געווען דער גרעסטער יודישער פאליטישער פיהרער אין גלות, דאס וואס האט געדארפט זיין דער „נשיא הגולה".

„ער האט געפיהרט", זאגט זאנגוויל; די פאליטיק פון א מדינה, וואס איז נישט דא". אבער ער האט געוויזען, ווי מען ברענגט דערצו, אז זי זאל יא ווערען. דאס אויסצופיהרען איז די זאך פונ'ם יודישען פאלק — „ווען ער וויל דאס!"

און דאס איז די צוקינפטיגע מצבה פאר דר. בנימין טהעאדאר הערצל.

Verlag „Zion“, Wien II. Uttere Augartenstr. 9 פערלאג „ציון“

ביכער אין פרייזפערצייכנים.

Jüdische Universal-Bibliothek 96 Bändchen bereits erschienen Landenpreis jeder Nummer 24 Heller.

Theodor Herzl's Bibliothek

Feuilletons

Preis broschiert Kr. 12·—
gebunden Kr. 15·60

Altneuland	K.	2.40
Solon in Lydien . .	„	2·40
Das neue Ghetto .	„	2·40
Philosophische Erzählungen	„	5·—
Die Glosse	„	1·20
Der Baseler Kongres	„	—·20
Unser Kätchen . .	„	2·40
Das Palais Bourbon	„	6·—
Jüdische Künster . .	„	12·—
Jüd. Almanach 5663 .	„	7·20
Dr. Judt: Juden als Rasse (geb.) . . .	„	6·80
Die Judenmassacres in Kischenew . .	„	1·20
Jüd. Statistik (geb.)	„	10·—
Eine jüd. Hochschule	„	1 20
Mathias Acher: Achad Ha-am	„	1 20
S. Schechter: Der Chasidismus (geb.) . .	„	2·70
Junge Harfen (karton. mit Goldschnitt) .	„	2·40
H. York-Steiner: Die Talmudbauer (Geschenkband)	„	6·40
Rosenfeld (Feiwel-Lilien): Lieder des Ghetto (geb.) . .	„	10·—
Münchhausen-Lilien: Juda (geb.)	„	10·—
E. M. Lilien: Sein Werk	„	10·—
Perez: Erzählungen ausgew. Novellen	„	6·40
Achad Haam: Am Scheidwege	„	6.—

על פרשת. דרכים שלשה חלקים כל חלק . . רק.		4·—
מדינת היהודים מאת דר. הערצל	„	1·—
אלטניילאנד זארגאן מאת דר. הערצל	„	3·80
די יודישע מדינה מאת דר. הערצל	„	1·—
פייערבערג: קובץ ספריו וכתביו	„	3·20
קובץ ספורים לבני הנעורים מאת אברהם רייזען נומבערג׳ אש כל ספר .	„	1·—

ספרי חנוך ולמוד.

גרזובסקי: ראשית למודי שפת עבר	„	1·30
בית ספר עברי (ספר מקרא ולמוד חלק א׳ .	„	0·70
״ חלק ב׳	„	1·50
״ ת״ג	„	2·—
מלון של כים. מעברית לרוסית ואשכנזית . .	„	6·75
מבחר הספרות (מכילה לקוטים נבחרים ממיטב הספרות העברית) .	„	2·50
ילן ד. י.: לפי הטף (להורות את הילדים לדבר עברית) ספר המורה שני חלקים . .	„	4·—
מקרא לפי הטף ספר התלמוד .	„	4·—
אויטאעמאנציפאציאן: פינסקער מנדלי מו״ם	„	0·24
אוף וואס ״דארף מען לערנען״ יודישע געשיכטע	„	0·24
ברויט אהן ארבייט פאן דר. הערצל	„	0·34
פרץ שריפטען	„	6·—
ספר היובל לכבוד נ. סאקאלוב	„	5·50

אלע ספרים ווערדען געשיקט פראמפט אבער נאר געגען נאכנאהמע.

פאן נײ־יאהר 1905 ערשײנט אין קראקױ א װעכענטליכע
צײטשריפט

„דאָס יודישע װאָרט“

פיר ליטעראטור װיססענשאפט און קונסט

רעדעגירט דורך אברהם רײזען.

פרײזע פיר עסטרײך: יעהרליך 8 קראנען, האלביעהרליך
4 קראנען, פירטעליעהריג קראנען 2·50.

פערײנע אין בוכהענדלער בעקאממען ראבאט.

הױפטאגענטור פיר עסטרײך, רומעניען, דײטשלאנד, ענגלאנד
און אמעריקא:

Verlag „ZION“, II|3 Untere Augartenstr. 9.

Das „Frankfurter Israelitische Familienblatt“

mit seinen
Gratisbeilagen „Jüdische Jugend“ u. „Schule u. Haus ist die

einzige

deutsche Zeitung gesetzestreu-zionistischer Richtung. Der **vornehme und gediegene** Inhalt, den jede Nummer bringt, hat dieser **billigsten und reichhaltigsten Zeitung** einen schnellen Eingang in allen noch jüdisch fühlenden Kreisen verschafft, die sich noch mit dem jüdischen Volke verbunden fühlen und die Gedankenwelt des Judentums kennen lernen wollen.

Abonnementspreise: in Deutschland M. 1·50, in Oesterreich-Ungarn Kr. 2·—. in Russland Rbl. 1·—, im übrigen Ausland M. 2·—, Fr. 2·50 per Vierteljahr.
Sämmtliche Postanstalten des In- u. Auslandes nehmen Abonnements entgegen, wie auch der

Verlag „ZION“, Wien II|3 Untere Augartenstrasse Nr. 9.

Herzl-Porträts!

Bild in Lebensgrösse

grossartige Ausführung
Preis per Stück K. 50·—
Dasselbe Bild etwas kleiner K. 12·—
Herzl an der Baseler Rheinbrücke K. 3·—

Herzl‘s Kopf

im Passepartuot K. 5.—

Herzl eine Rede haltend

K. 2·—

Herzl's Kopf in Bromsilber K. 3·—

Herzl's Bilder in Autotypie per Stück K. 0·50.

Vereine und Wiederverkäufer erhalten Rabatt.

Verlag „ZION“ (S. Inslicht)
Wien, II|3 Untere Augartenstr. 9.

„DIE WELT"

Zentral-Organ der zionistischen Bewegung.

Erscheint jeden Freitag.

Redaction und Administration: Wien, IX. Türkenstrasse 9.

«Die Welt" ist das offizielle Organ für alle Mitteilungen des Kongresses, des Aktionskomitees, der Jüdischen Kolonialbank, der Nationalfondskommission, ist in allen fünf Weltteilen verbreitet, wird von Hunderttausenden gelesen, gehört also mit zu den besten Insertionsorganen — ANZEIGEN in derselben sind billig und haben den besten Erfolg.

Abonnements: Ganzjährig K. 12.—, Mk. 13 70, Rub. 7.—, Frcs. 17— sh. 14.— Halbjährig die Hälfte.

Inserate: Für die 45 mm breite Millimeterzeile 10 Heller. Bei Wiederholungen steigenden Rabatt.

Probenummern gratis!

„Unsere Hoffnung"

Monatsschr. für die reifere jüd. Jugend mit ausgezeichneten Beiträgen hervorrangender jüdischer Mitarbeiter. Pränumerationspreis für Österreich-Ungarn: Ganzjähr. K 4·50. Halbj. K 2 30, Viertelj. K. 1·15. Fürs Ausl.; Ganzj. Frcs. 6·—, halbj. Frcs 3·—. Einzelnummern 40 h. — Zu abonieren durch die Administration:

„Unsere Hoffnung", Wien III/2
Viaduktgasse 25.

„די יודישע צוקונפט"

א חודש־זשורנאל פאר לעבען׳ ליטע־ראטור אין וויסענשאפט.

רעדאקטער דר. י. ווארטסמאן.

אבאנעמ. פרייז: 4 קר. א $\frac{1}{2}$ יאהר
$2\frac{1}{2}$ קר. א $\frac{1}{4}$ יאהר.

אומזיסט בעקומען די יעהרליכע א־באנענטען וואס שיקען איין $8\frac{1}{2}$ קר. „די יודישע צוקונפט" א גאנץ יאהר און דאס פראכטפאל־אילוסטרירטע „שיין" געבונדענע 337 שטארקע זייטען בוך „געזאמעלטע ליעדער" פון מאריס ראזענפעלד. — אדרעססע:

„Die jüd. Zukunft" (M. Ehrlich) Krakau, Dietelsgasse 59. (Galizien).

אגענטען ווערן געזוכט.

„טאגבלאטט"

דאס „טאגעבלאטט" איז א יודיש בלאט׳ פון וועלכען דער יוד זאל ליינען געוואהר ווערען אלדינג׳ וואס איז איהם נוגע אלס מענש און אלס יודי׳ אלס שטאאטסבירגער און אלס מיטגליעד פונ׳ם יודיש. פאלק. אבאנעמענטספרייז פיר עסטרייך: מאנאטליך 1·50, פיערטעלי. 4·— האלביעהריג 8·— קר. איינצעלנע נוממער 8 העלער. אין אויסלאנד 12 פראנק האלביעהריג.

Red. „Tagblatt" Lemberg.

„המצפה"

עתון עברי לכל עניני החיים בכלל ולעניני היהודים והציונית בפרט׳ לספרות ולמדעים׳ נערך ברוח היהדות הטהורה ויוצא לאור אחת בשבוע בקראקא. בהיות „המצפה" דבר השוה לכל נפש׳ שיש לכל בני עמנו חפץ בו׳ ע״כ מחירו מצער מאד׳ רק 6 כתרים לשנה׳ (בחוץ לארץ 8·50 פר.) לשנה׳ 3 כ׳ לחצי שנה׳ 1·50 לרבע.

Redaction
„Hamizpe", Krakau.

פערלאג "ציון"

פאלקסביבליאטהעק

Nr. 3. זאעבען ערשיענען !

יודישע מאָטיווען

אויסערוועהלטע געדיכטע

פון אברהם רייזען.

פרייז 40 העללער.

דורך דען פערלאג קען מען בעציעהען אלערליי
ספרים אין אלע לשונות.

כל ספרי "אחיאסף" "ותשיה"

דר. הערצל'ס ווערקע

נאָטען און ליעדער

הערצל'ס בילדער

פערזאנד פראמפט

Verlag „ZION“ (Samuel Inslicht)

Wien II/3 Untere Augartenstrasse 9.

Herausgeber und verantwortlicher Redacteur: Samuel Inslicht, Wien, II|3 Untere Augartenstrasse 9.